STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03478

DI MASKE UN DOS PONEM

Hayim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די מאַסקע און דאָס פּנים

ב. צ. גאָלדבערג און זיינע
זינד קעגן די רוסישע יידן

פון

חיים ליבערמאַן

אַרויסגעגעבן פון
יידישע פּרעסע קאָמיטעט
175 איסט בראָדוויי, ניו-יאָרק
תשכ"ג—1963

THE MASK AND THE FACE

Copyright, 1963

by

Chaim Lieberman

New York, N. Y.

Published by

YIDDISH PRESS COMMITTEE

175 East Broadway

New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A.

by Futuro Press, Inc., 476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

גדול אונאת דברים מאונאת ממון
(בבא מציעא נח) : נאַרן מיט רייד איז
ערגער ווי נאַרן מיט געלט.

די פּרעסע איז איינער פון די שטאַרקסטע זיילן אויף וועלכע ס'איז אָנגעשפּאַרט די דעמאָקראַטיע פון אַ לאַנד און די פרייהייט פון אַ פאָלק.

דעמאָקראַטיע און פרייהייט זיינען מאָראַלישע באַגריפן, און אַ פּרעסע, כדי צו דערפילן איר גרויסע אויפגאַבע, מוז אַליין זיין מאָראַליש ערלעך און דערהויבן.

אויב דאָס איז אמת וועגן פּרעסע בכלל איז דאָס נאָך אמת'ער וועגן דער יידישער פּרעסע.

דאָס יידישע פאָלק אין אונזער צייט פירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר זיין סאַמע קיום. בייזע כחות רינגלען עס אַרום פון אַלע זייטן און זיין עקזיסטענץ איז באַדראָט אויף איין אופן פון דעם פאַשיזם, אויף אַן אַנדער אופן פון דעם קאָמוניזם, אָבער ביידע גלייך זיינען זיי שונאים פון דער אידייע פון אַ אידיש פאָלק אין דער וועלט.

אין דער דאָזיקער שווערער מלחמה איז די יידישע פּרעסע אַ יידישע פעסטונג. אַ שרייבער איז אַ זעלנער, אַ צייטשריפט איז אַ געווער. און אין מלחמה מוז דאָס געווער זיין ריין און דער זעלנער ערלעך און געטריי, און וואו עס מערקט זיך אַן אָפּנויג מוז עס אָן רחמנות אַרויסגעשטעלט ווערן. וואָרים עס גייט אין לעבן פון אונזער פאָלק.

אָט פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט איז געשריבן דאָס איצטיקע ביכל וועגן ב. צ. גאָלדבערג, פון לאַנג אָן אַ שעדלעכע און געפערלעכע דערשיינונג אין דער יידישער פּרעסע.

אמת און ליגן

זונטיק, דעם 30סטן דעצעמבער, 1962, איז דערשינען דער יובילייַ־נומער פון 65 יאָר „פאָרווערטס". אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דער ריזיקער אויסגאַבע, אויף דער 4טער זייט, איז געדרוקט אַן אַרטיקל פון שמעון וועבער אונטערן נאָמען „איצט מעג מען שוין דערציילן". איז עס אַן אַרטיקל וואָס דאַרף אַרייַנגיין אין יעדן יידישן אַרכיוו, וואו עס ווערן געזאַמלט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער מאַרטירער־געשיכטע פון סאָוועטישן יידנטום, וואָס ווערט צעריבן און צעמאָלן און אונטערגעבראַכט אין אונדזערע טעג פאַר אונדזערע אויגן.

וואָס איז עס פאַר אַ סוד וואָס מ'האָט פריער ניט געטאָרט און „איצט מעג מען שוין דערציילן"? ס'איז אַ „סוד פון דער רעדאַקציע" וואָס איז געלעגן פאַרזיגלט אין „פאָרווערטס" גאַנצע פערצן יאָר, און איצט איז ער סוף־סוף געעפנט געוואָרן פאַר דער וועלט, ווייל אַ פּאָר פון די הויפּט העלדן אין דער מעשה זיינען שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע און דאָס דערציילן קען זיי שוין ניט שאַטן.

דער סוד איז געווען, ווי שמעון וועבער שרייבט, „ווי אַזוי דער 'פאָרווערטס' האָט מיט פערצן יאָר צוריק באַקומען די נייס וועגן אָנהויב פון דעם פאָגראָם אויף דעם יידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד". די נייס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין מאָסקווע איז אויפגעלייזט געוואָרן דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט, און די איינציקע יידישע צייטונג, „די איינינקייט", איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

היינט קלינגט עס שוין ניט סענסאַציאָנעל: שוין איבערגעקרעכצט און אָפּגעבלוטיקט. נאָר דעמאָלט איז עס געווען אַן אמתע יידישע ערדציטערניש. און די ערדציטערניש האַלט אָן ביז היינטיקן טאָג. איר שרעקלעכער ברומען הערט זיך אין די טאָג־טעגלעכע רדיפות און גזירות וואָס האַגלען אויף די סאָוועטישע יידן, אין די אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס אין דער סאָוועטישער פּרעסע, אין די „ספּעקולאַנטן"־צעשיסונגען, אין אַלץ נייע שולן וואָס ווערן געשלאָסן. די אויסשיסונג פון די יידישע שרייבערס און קינסטלערס דעם 12טן אויגוסט, 1952,

איז געווען אַ פּייערדיקער אויסברוך אין דער מוראדיקער ערדצי־טערניש.

נאָר אויב אַן „ערדציטערניש", טאָ וואָס פאַר אַזאַ גרויסער אויפטו איז עס געווען פון דעם „פאָרווערטס" צו קריגן און אָפּדרוקן די נייס? אַן ערדציטערניש ווערט דאָך אויפגעכאַפּט פון סייסמאָגראַפן אין אַלע עקן וועלט און ווערט באַלד צעטראָגן אין אַלע בלעטער?

דערין באַשטייט טאַקע די רעכטע סענסאַציע פון שמעון וועבער'ס אַרטיקל: כאָטש אַן ערדציטערניש, דאָך איז געווען שאַ־שטיל מיט איר ווי אויף אַ בית־עולם. מאָסקווע איז שטענדיק אָנגעפּיקעוועט מיט אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, דיפּלאָמאַטן, קאָנסולן און אַמ־באַסאַדאָרן, וועלכע האָבן געמוזט וויסן וואָס ס'איז געשען, דאָך איז געווען פּתח־שין — שאַ. און די מעשה ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" איז פּאָרט געקומען אויף דער ידיעה לייענט זיך ווי אַ שפּאַנענדיקע דעטעקטיוו־געשיכטע.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען צו האַלטן אַזאַ גרויסע גע־שעעניש אונטער'ן טישטוך אין מאָסקווע?

אין דעם ענטפער ליגט אַ שטיק געשיכטע פון יענער צייט. דאָ איז באַהאַלטן די קונץ: די האַנט פון מאָסקווע איבער דער עפנט־לעכער מיינונג פון דער וועלט איז געלעגן אַזוי שווער, און דער טעראָר פון די קאָמוניסטן אויף די לאָקאַלע ערטער אין אַלע לענדער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז קאָרעספּאָנדענטן האָבן מורא געהאַט צו שרייבן, צייטונגען האָבן מורא געהאַט צו דרוקן און דיפּלאָמאַטן האָבן מורא געהאַט פאַרן מויל צו ברענגען דאָס, וואָס מאָסקווע האָט געוואָלט האַלטן צוגעדעקט.

דער סטעיט דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן האָט געוואוסט די נייס באַלד ווי ס'איז געשען. דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע האָט עס מודיע געווען. נאָר די העכסטע באַאַמטע אין דעם סטעיט דעפּאַרטמענט האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגעבן די נייס מיט זייער אויטאָריטעט. און ווען דער „פאָרווערטס" האָט סוף כל סוף עפּעס דערשמעקט און איז געלאָפן צום סטעיט דעפּאַרטמענט, האָט מען אים דאָרט געגעבן די נייס מיט אַלע פּרטים, נאָר מיטן תנאי, אַז ער זאָל חס וחלילה ניט דערמאָנען פון וואַנען און פון וועמען און ווי אַזוי ער האָט עס געקראָגן.

היינט, ווען די אַמעריקאַנער פּרעסע איז אַזוי דרייסט מיט באַ־ריכטן פון און וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז שווער זיך פאָר־צושטעלן, אַז ס'איז געווען אַ צייט ווען דער „פאָרווערטס" איז פּאַקטיש.

אַן איבערטרייבונג, געוועזן די איינציקע צייטונג אין אַמעריקע וואָס האָט געטראָגן די פּאָן פון קאַמף מיטן קאָמוניזם.

מיר וועלן זיך דאָ ניט שטעלן איבערדערציילן די פּרטים פון דער דעטעקטיוו־געשיכטע. פאַר דעם וועט דער לעזער זיך דאַרפן מטריח זיין צו שמעון וועבער׳ס אַרטיקל. ס׳איז אָבער כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַ געוויסן פּונקט וואָס דער שרייבער ברענגט אַרויס און שפּאַנט גלייך אַריבער, אַזוי ווי אגב אורחא, אָבער וואָס איז אין אמתן פון קוואַלדיקסטער באַדייטונג.

ער פרעגט: נאָכדעם ווי דער „פאָרווערטס" האָט שוין אַרויס־געריסן די מוראדיקע נייס פון דער סאָוועטישער באַהאַלטנקייט, „ווי אַזוי האָט אויף דעם רעאַגירט די ידישע וועלט?"

און ער ענטפערט: „מ׳האָט גאָר פּשוט ניט רעאַגירט. מ׳האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט". וואָס איז ריכטיק, און וואָס איז נאָך אַן איבעריקער באַווייז ווי מעכטיק דער סטאַליניסטישער טעראָר האָט געהערשט אבער די מוחות פון מענטשן. די עפנטלעכע מיינונג, ידישע אַזוי ווי ניט־ידישע, איז געלעגן ווי אין אַ פּאַראַליז. דער סטאַלין־טעראָר האָט געהויערט ניט נאָר איבער רוסלאַנד, נאָר איבער אַמעריקע אויך.

בלויז די קאָמוניסטן האָבן ניט געשוויגן, דערציילט וועבער, און אין איינעם מיט זיי, אויף דער ידישער גאָס, ווינקט ער אָן אויף אַ געוויסן „אומפּאַרטייאישן" ידישן שרייבער, און שפּאַנט ווידער גלייך אַריבער צו דער דעטעקטיוו־מעשה אַליין.

אָבער דווקא דערויף איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויספירלעך: אויף די ידישע קאָמוניסטן קאָנצענטרירט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" און אויפן „אומפּאַרטייאישן", וואָס האָט זיך געמאַכט זיין נעסט אין דער באַלעבאָטישער ידישער פּרעסע. ווייל דאָ שטעלט זיך אַרויס אָפן די טעכניק מיט וועלכער דאָס טייוולשע געזינדל האָט געאַרבעט צו פאַרגיפטן די ידישע גאָס.

לאָמיר די „פרייהייט"־חברה דערוויל לאָזן אין אַ זייט. מיר וועלן פריער אַ קוק טאָן אויף דעם „אומפּאַרטייאישן".

דער „אומפּאַרטייאישער ידישער שרייבער" — דאָס איז ב. צ. גאָלדבערג פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", דעמאָלט נאָר בלויז „דער טאָג". ער האָט געשפּילט אַ הויפּט ראָלע ספּעציעל אין דער דאָזיקער ידישער טראַגעדיע אין מאָסקווע. ער האָט זיך גאָר שטאַרק אונטער־געגאַרטלט צום קאַמף מיטן „פאָרווערטס" וועגן יענע נייס פון רוסלאַנד. אָנגעהויבן האָט ער דערמיט וואָס ער האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבן

אַן אַטעסטאַט פון באַגלייביקייט. די נייס וועגן דעם יידישן אומגליק אין רוסלאַנד איז אין „פאָרווערטס״ דערשינען מאָנטיק, דעם 3טן יאַנואַר, 1949. דאָנערשטיק, דעם 6טן יאַנואַר, האָט ב. צ. גאָלדבערג אָפּגעדרוקט אַ קאָלום, וואָס ענדיקט זיך אַזוי:

„און פאַר איינעם, וואָס ווערט אָפּט באַפאַלן פאַר דעם, וואָס ער וואַגט צו זאָגן וואָס די מאָדערנע בעלי טאַקסע ווילן ניט מען זאָל הערן, איז אנגענעם צו קענען קומען און אָנווייזן אויף באַשטעטיקונגען, אַז ער איז געווען גערעכט, באַשטעטיקונגען פון קוואַלן, וואָס דער גרעסטער קעגנער קען ניט מבטל מאַכן. איך טו דאָס היינט ניט בלויז צו רעכטפערטיקן מיין אייגענע שטעלונג, נאָר דער עיקר ווידער אַ מאָל אָנצואווייזן וואו דער אמת איז״.

יע, וואו איז דער אמת? ביי ב. צ. גאָלדבערג, דעם מאַרטירער פון אמת, וואָס ווערט נעבעך אָפּט באַפאַלן, כאָטש ער טרינקט נאָר פון די ריינסטע קוואַלן.

מיט פינף טעג שפּעטער איז געווען דינסטיק, דער 11טער יאַנואַר, 1949, און ב. צ. גאָלדבערג טרעט שוין צו דירעקט צו דעם ענין. ער קומט אַרויס מיט אַ קאָלום וואָס הייסט: „וועגן די נייס פון רוס־לאַנד״. ענדלעך...

ער הייבט־אָן מיט זיין אייביקן פזמון, אַז ס'איז אַלגעמיין באַקאַנט, אַז די סטאַלין־קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט גלייכע רעכט פאַר אַלע פעלקער און אַלע רעליגיעס, און יידן בתוכם, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער, און דאַן קומט ער צום רעכטן פינטל:

„במילא קען ניט זיין קיין רייד פון עפּעס ספּעציפישע שריט לגבי יידן, ווי צומאַכן אַ יידישן קאָמיטעט, אַ יידישע צייטונג, אָדער סאָוועטיש־יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט — ווי דעם 'פאָרווערטס' וואָלט זיך ניט וועלן, אַז אַזוינע אויסנאַמען קעגן יידן זאָלן דאָרט געמאַכט ווערן. דער 'פאָרווערטס' וואָלט אָפּגעגעבן אַ העלפט פון זיין צען שטאָקיק הויז צו באַקומען נייס, אַז אין רוסלאַנד הערשט אַנטי־סעמיטיזם, אָבער דאָס ניט קריגן קיין נייס איז ביים 'פאָרווערטס' קיין מאָל ניט געווען קיין מניעה צו באַריכטן נייס, וועלכע ער האָט געוואָלט דרוקן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט אַלע מאָל געפונען מענטשן, וואָס האָבן פאַבריצירט די נייס, וואָס ער האָט באַדאַרפט.״

אַלזאָ, ב. צ. גאָלדבערג איז דער קוואַל פון אמת, און דער „פאָרווערטס״ איז די פאַבריק פון ליגן.

„פאַרוואָס — פרעגט ב. צ. גאָלדבערג ווייטער — האָט עס קיין (אַנדער) צייטונג ניט איבערגעגעבן (יענע נייס)?״ און ער ענטפערט:

„ווייל יענע שטיקל נייס איז געווען לויטן ‚פאָרווערטס‘ איבער־געבן, אַזוי איינגעטונקט אין אומזיניקע ליגנס, אַז אַ צייטונג וואָס האָט עפּעס אַ שטיקל אַכטונג פאַר אירע לייענערס, קען דאָס זיי ניט צו־טראָגן פאַר אַ פאַקט.“

און ב. צ. גאָלדבערג לאָזט זיך אַוועק אויסרעכענען גענוי די אומזיניקע ליגנס פון „פאָרווערטס“, ליגן נאָך ליגן, יעדן ליגן מיט „למשל“.

„למשל“ — שרייבט ער — „יענע נייס וועגן אויפלייזן דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט גיט אָן, אַז מען האָט איינגעפירט אַ שטעמפּל ‚ייד‘ אויפן פּאַס פון סאָוועטישע יידן. דאָס זאָל ווייזן ווי מען מאַכט אָן אויסנאַם מיט יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד“.

דאָ פאַבריצירט שוין ב. צ. גאָלדבערג אַליין אַ ליגן. דער „פאָר־ווערטס“ האָט ניט געשריבן „אַ שטעמפּל ‚ייד‘,“ נאָר „אַ שטעמפּל ‚יעווריי‘.“ און „יעווריי“ געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג אויף יעדן פּאַס פון יעדן סאָוועטישן יידן, אפילו, דוכט זיך, אַזאַ ניט־יידן ווי איליאַ ערענבורג.

„צי למשל“ — שרייבט ב. צ. גאָלדבערג ווייטער זיינע משלים — „אַז די רעגירונג האָט צוגענומען דאָס הויז פון יידישן אַנטי־פאַ־שיסטישן קאָמיטעט, וועלכעס זי האָט צוגעמאַכט. וואָס הייסט צו־גענומען? צו וועמען האָט דאָס הויז געקענט געהערן? צו אַ פּריוואַט לענדלאָרד? צום קאָמיטעט וואָס קען עס פאַרקויפן דורך אַ ריעל עסטעיט אָפיס בעת ער ליקווידירט זיינע געשעפטן?“...

ווי איר זעט איז ער גאָר אַ קלוגיטשקער, דער ב. צ. גאָלדבערג, אַ ביטרינקער אַזאַ. ער קנעלט דאָ מיטן „פאָרווערטס“ קאָמוניזם, שפּאַטנדיק פון זיין אומוויסנקייט: וואָס הייסט „צוגענומען“; מ׳קען דען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צונעמען אַ הויז פון אימיצן? דאָס הויז געהערט דאָך צום שטאַט, און דער שטאַט געהערט דאָך צום פאָלק, און איז ניט דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט אַ טייל פון דעם סאָוועטישן פאָלק? במילא איז, אין דער מעטאַפיזיקע פון דעם קאָמוניזם, לאָגיש גאָר ניט מעגלעך געווען צוצונעמען ביים יידישן קאָמיטעט זיין הויז. אַזוי ווי, לאָמיר זאָגן, ס׳איז ניט מעגלעך אַראָפּצושפּרינגען פון דעם ערד־גלאָבוס צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

גערעכט, כאַווער ב. צ. גאָלדבערג. די סאָוועט־רעגירונג האָט ניט געקענט צונעמען דאָס הויז פון דעם יידישן קאָמיטעט און האָט עס טאַקע ניט צוגענומען. דאָס הויז איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט. געשען איז בלויז אָט וואָס:

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען די קאָמיטעט־לייט זיינען ווי געווינלעך געקומען צום הויז און האָבן געוואָלט אַריינגיין, האָבן זיי געפונען אַ שלאָס אויף דער טיר און אַ מעלדונג אַז דאָס הויז איז פּאָליצייאיש פאַרחתמעט.

דאָס און ווייטער גאָרניט, מר. ב. צ. גאָלדבערג.

און נאָך אַ ביטערינקן „למשל" שטעלט ב. צ. גאָלדבערג אַרויס, אַזוי צו זאָגן:

„צי, למשל, אַז די רעגירונג האָט צוגעשלאָסן די דרוקעריי, וואו עס האָט זיך געדרוקט די 'איינהייט', און דעם פאַרלאַג 'עמעס'. די 'איינהייט' האָט אַ שייכות מיטן יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט — זי איז זיין אָרגאַן. אָבער וואָס האָט דאָ דער פאַרלאַג 'עמעס' צו טאָן? דער פאַרלאַג 'עמעס' איז אַ טייל פון רעגירונג פאַרלאַג 'אָגוז' וואָס גיט אַרויס טויזנטער ביכער אַ יאָר, און זיין דרוקעריי איז די 'אָגוז'־דרוקעריי. האָט מען שוין דעם 'אָגוז' אויך צוגעמאַכט?"

ב. צ. גאָלדבערג מאַכט זיך דאָ אַזוי קלוגיטשקע, אַז ער ווערט אַזש אַ נאַר. ענטפערן מיר היינט דעם נאַר לויט זיין נאַרישקייט: מיטן פאַרלאַג איז געוועזן דאָס זעלביקע וואָס מיטן הויז: דער פאַרלאַג „אָגוז" איז טאַקע געבליבן אָפן ווי געוועזן און גיט אַרויס זיינע טויזנטער ביכער אַ יאָר ביז היינטיקן טאָג. מען האָט דאָרט בלויז פאַרחתמעט די טיר צום פאַרלאַג „עמעס", און אַזוי איז זי געבליבן פאַרחתמעט ביז'ן היינטיקן טאָג.

די „חכמהלעך" זיינען דאָ פאַבריצירט געוואָרן לויט אַ גוט־אויסגעפּרובירטן קאָמוניסטישן רעצעפּט: סתם צו פאַרפּלאָפּלען אַן עניין און פאַרפּאָפּען די מוחות. און ב. צ. גאָלדבערג ענדיקט מיט טריאומף:

„אָט צוליב די אומגעלומפּערטע ליגנס, וואָס אין 'פאָרווערטס' ווייס מען גאַנץ גוט אַז זיי זיינען ליגנס... („טאָג", יאַנואַר 11, 1949).

אָט אַזוי האָט ב. צ. גאָלדבערג געאַרבעט מיט ביידע הענט אויף אַלע זייטן: מיט איין האַנט האָט ער געהאָלפן פאַרשיטן די סאָוועטישע יידן אין לעבעדיקן קבר, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געוואָרפן זאַמד צו פאַרשטופן דאָס מויל פון די אַמעריקאַנער יידן. קען אַזאַ היסטאָרישע זינד ווערן פאַרגעבן און פאַרגעסן?

„מען מעג שוין"

אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך באַוויזן אַ בוך, וואו ס'ווערט באַשריבן דאָס ביטערע און פּייַנצטערע לעבן וואָס מענטשן האָבן געליטן אין די שקלאַפן־לאַגערן אין צייט פון סטאַלינ'ס הערשאַפט. ס'איז געווען אַ לעבן ניט בעסער ווי אין היטלער'ס קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מענטשן אין די מיליאָנען זייַנען פאַרשיקט געוואָרן, ניט פאַר קיין פאַרברעכנס וואָס זיי זייַנען באַגאַנגען, נאָר צוליב די משוגעתן פון אַ פאַררייקטן דיקטאַטאָר. „אַ טאָג אין דעם לעבן פון איוואַן דעניסאָוויטש" הייסט דאָס בוך, געשריבן פון אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין.

אין דער ברייטער וועלט, דרויסן פון רוסלאַנד, האָט מען גוט געוואוסט וואָס אין יענע פאַרשיקונג־לאַגערן איז פאָרגעקומען. געווען געוּנוּג פאַלן פון אַנטלאָפענע, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן קיין אויסלאַנד און האָבן באַשריבן זייערע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, אין אַרטיקלען און אין ביכער. אָבער אין רוסלאַנד גופא איז קיין פּיפּס דערפון ניט דערמאָנט געוואָרן. די סאָוועטישע שרייבערס, אַליין אַ טייל פון דעם רעזשים, האָבן קיין מאָל ניט געשריבן דערפון, און אויב ס'וואָלט איינער זיך דערוועגט צו שרייבן, וואָלט ער עס קודם ניט דערלעבט צו זען געדרוקט, און דאַן וואָלט ער אַליין באַלד פאַרפּאַקט געוואָרן אין אַזאַ לאַגער.

אָבער זינט מ'האָט סטאַלינ'ען אַראָפּגעזעצט פון זייַן גדולה און אַרויסגעוואָרפן פון קבר, האָט כרושטשעוו דערלויבט אויסצוזאָגן פון חדר, ביסלעכווייַז און שטיקלעכווייַז, פון דער שרעקלעכער סטאַלין־צייַט, ביז ס'איז איצט דערגאַנגען צו די אַרבעטס־לאַגערן און ס'איז אַרויס אַ בוך, מיט דער דערלויבעניש פון כרושטשעוון, וואָס איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פון די קריטיקערס, אויך מיט דער דערלויבעניש פון כרושטשעוון, פאַרשטייט זיך.

קומט אַרויס אונדזער אַלטער באַקאַנטער ב. צ. גאָלדבערג, וועלכער איז אויך געווען אַ גרייַפּל אין דער סטאַליניסטישער קאַשע, ווען די קאַשע איז געווען פעט, און לערנט אַרויס אַ מוסר־השכל פון

דער מעשה. ניט מיט זיך, וואָס האָט שטענדיק געוואוסט פון די לאַגערן נאָר האָט זיי פאַרשוויגן, נאָר מיט אַנדערע. דאָס מאָל איז זיין „מאַראַל" געווענדט אויף די יידישע שרייבערס אין מאָסקווע, ספּעציעל דעם רעדאַקטאָר פון דעם יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אהרן ווערגעליס.

אין אַ קאָלום אונטערן קעפּל „מען מעג שוין" („טאָג־מאָרגען זשורנאַל", דעצ. 3, 1962), שרייבט ער:

„אויב מען מעג שוין באַשרייבן אויף רוסיש וואָס מען האָט איבערגעלעבט אין אַרבעט־לאַגער אונטער סטאַלינ׳ען, אפשר וועט מען אויך מעגן באַשרייבן וואָס יידן האָבן דורכגעלעבט אין די ׳פינצטערע יאָרן׳ אונטער סטאַלינ׳ען? אהרן ווערגעליס מעג זיך אָפּלערנען פון דער ׳ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ׳ און ווייזן אין ׳סאָוועטיש היימלאַנד׳ אַז אויך דאָרטן ׳מעג מען שוין׳... און מען האָט שוין אויך געמעגט מעגן שרייבן וועגן דער יידישער קאַטאַסטראָפע אונטער די נאַציס, טאַקע די ספּעציעל יידישע, ניט די סתם נאַצי־קרבנות. אַ קלייניקייט? באַלד אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1941 איז דאָך אומגעקומען! קען מען אָט די יידישע טראַגעדיע אַריינוואַרפן אין איין טאָפּ מיט די אַנדערע טראַגעדיעס פון יענער צייט?"

געוויס אַ גערעכטע טענה, אָבער נאָר אַ שטיק באַהאַלטענע טרפות, ווען זי קומט פון גאָלדבערגן. וואָרים אויב די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" מעג, מיינט עס נאָך ניט אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" מעג. „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" איז אַ רוסישע צייטונג, מעג זי; „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַ יידישע צייטונג — מעגן דען יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד טאָן אַלץ וואָס ניט־יידן? מעגן זיי דרוקן יידישע ביכער? מעגן זיי האָבן שולן? מעגן זיי באַקן מצות?

די טענה ווערט ערשט אַ גערעכטע, טויזנט מאָל גערעכטער, ווען מ׳ווענדט זי אָן אויף ב. צ. גאָלדבערג׳ן אַליין. „מען מעג שוין", זאָגט ער ווערגעליסן; אָבער ער אַליין האָט דאָך שטענדיק געמעגט: פאַר־וואָס האָט ער פאַרשוויגן די אַלע זאַכן? און ניט נאָר אַליין פאַר־שוויגן, נאָר ער האָט אַנדערע פאַרשריען וואָס האָבן ניט געשוויגן, און אַליין האָט ער זיך אַרומגעשטעלט מיט קענדעלעך ראָזעווע פאַרבן און האָט סטאַלינ׳ס שוואַרצע נאַכט איבערגעשמירט אויף ראָזיקן פאַרטאָג.

אהרן ווערגעליס, שרייבט ער, מעג זיך אָפּלערנען פון דער „לי־טעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ": אָבער ער, ב. צ. גאָלדבערג אַליין, האָט

אויך געהאַט פון וועמען זיך אָפּצולערנען: אין שכנות מיט אים, בלויז צוויי־דריי טירן אָפּגערוקט, גייט אַרויס דער „פאָרווערטס״, וואָס האָט יעדן טאָג דערציילט פון די יידישע פינצטערע יאָרן אונטער סטאַלינען; אָבער וואָס האָט ב. צ. גאָלדבערג דערציילט?

די מלחמה האָט זיך געענדיקט אין 1945. אין גיכן נאָך דעם איז ב. צ. גאָלדבערג געפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. היינט וועט דער לעזער מסתמא אַריבערגיין די ווערטער „געפאָרן אין סאָוועטן־פאַר־באַנד״ ווי די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט. אָבער דעמאָלט איז עס געווען אַ סענסאַציע פון ערשטן ראַנג. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דעמאָלט געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן. נאָר פאַר געציילטע מענטשן פון אויסגעוויילטן מין האָט זיך געעפנט אַ טירעלע צום צויבערלאַנד: דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטערס פון רעגירונגען, אַקרע־דיטירטע עמיסאַרן פאַר ספּעציעלע שליחותן, קאָרעספּאָנדענטן פון דורכגעזיפּטע צייטונגען און — ב. צ. גאָלדבערג! ער איז געווען דער ערשטער און איינציקער יידישער שרייבער פון דער דרויסנדיקער וועלט וואָס איז אין יענעם פּעריאָד און פאַר אַ לאַנגער צייט נאָכדעם, אַריינגעלאָזט געוואָרן אויף יענער זייט וואַנט פון דער פאַרחתמעטער מלוכה. מסתמא איז ער עס ווערט געווען.

אַזוי אַרום איז ער געווען דער ערשטער ייד פון דער דרויסנ־דיקער וועלט וואָס האָט זוכה געווען צו קומען אין באַרירונג מיט אונדזערע ברידער, די רוסישע יידן, נאָך זייער קאַפּיטל פון נאַצישן חורבן. אים האָט דער גורל צוגעטראָגן די זכיה צו קענען דערציילן דער גאַנצער וועלט וואָס דער מאָדערנער עמלק האָט געטאָן צו אונדזער פאָלק אין רוסלאַנד, אָפּצומאָלן זייער בראָך און אויסשרייען זייער ווייטאָג. אָבער הפּנים ער איז די זכיה ניט ווערט געווען. און אָנשטאָט צו דערציילן פון דעם חורבן וואָס איז אויף די רוסישע יידן געקומען האָט ער דערציילט, אַז משיח איז צו זיי געקומען.

אָט איז אַ מוסטער פון דעם וואָס ער האָט פון דאָרט געשריבן:

„דער סאָוועטישער ייד איז ניט קיין שנאָרער, ניט קיין בעטלער, ער האַלט זיך פאַר אַ גביר — דאָס גאַנצע עשירות פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָך זיינס! נאָר צייטווייליק פעלט אים אויס אַ בגד, ביז מען וועט אָנבויען די לייכטע אינדוסטריע״... אַזוי האָט אויס־געזען דער יידישער חורבן נאָכן נאַצישן שטורעם אין רוסלאַנד — אין גאָלדבערגס אויגן, אַן אויפּזאַץ, וואָס דאַרף געפינען אַ פּלאַץ אין יעדער רעכטער זאַמלונג פון די באַוואוסטע טרויעריקע סאָוועטישע וויצן.

ווען און וואו איז די דאָזיקע שטיק משוגעת געשריבן געוואָרן? מאָנטיק, 24טן יוני, 1946, אין „טאָג".

און אָט איז די בשורה פון משיחן, שרייבנדיק פון אָדעס, דער־ציילט ער:

„עס איז אָבער אינטערעסאַנט ווי יענער פּראָסטער יידישער פּעדלער פון סעמיטשקעס האָט די זאַך אויפגעפּאַסט. ער קוקט אַרויס צו סטאַלינ'ען ווי צום אוהב ישראל, דעם יידישן טאַטן, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אַזוי האַלטן פון סטאַלינ'ען אַ סך יידן, ווי מיר איז אויסגעקומען צו הערן. און ווען די יידן וויסן נאָך, אַז סטאַלין האָט אַן איידעם אַ ייד, וואָלטן זיי שוין גאָר געהאַלטן סטאַלינ'ען פאַרן יידישן משיח"...

און ווען איז דאָס דאָזיקע שטיק שגעון געדרוקט געוואָרן? מיט־וואָך, 21טן אויגוסט, 1946: נאָכן סטאַלין־היטלער פּאַקט, נאָך דער מלחמה, נאָכן אונטערגאַנג פון די זעקס מיליאָן, ווען די געבליבענע סאָוועטישע יידן זיינען געוועזן פאַרגאָסן מיט בלוט און האָבן זיך געטרונקען אין נויט.

און פאַרוואָס טאַקע האָבן יידן ניט געוואוסט פון זייער משיחישן גליק? דערפאַר, דערציילט אונדז דער אייביק אמתער ב. צ. גאָלד־בערג, וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ניטאָ קיין „רכילות קאָלומס" ווי אין דער בורזשואַזער פּרעסע אין אַמעריקע.... אה, די הייליק אמתע סאָוועטישע פּרעסע, די פּרעסע וועגן וועלכער ס'איז דאָ דער וועלט־וויץ וועגן דער „פּראַוודאַ" (אמת) און דער „איזוועסטיאַ" (ידיעות). אַז די „פּראַוודאַ" איז אָן „איזוועסטיאַ", און די „איזוועסטיאַ" איז אָן „פּראַוודאַ".

אָט איז נאָך אַ באַריכט פון סאָוועטיש־יידישן נאַצי־חורבן, פון דער ראַזעווער פּעדער פון ב. צ. גאָלדבערג:

„אין יאָר 1946 זיינען שוין געווען העכער 300 אָפיציעל רע־גיסטרירטע יידישע קהילות אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, יעדע פון זיי מיט אַ שול און כלי קודש, מיט אַלע מעגלעכקייטן אָנצופירן אַ רעליגיעז לעבן, ווי, למשל, שחיטה, מצות, און אפילו מקווהס, וועלכע מען געפינט זיך נאָר אין די קלענערע שטעט ווי קאָוונע, נאָר אַפילו אויך אין מאָסקווע. אין די גרעסערע יידישע שטעט, ווי מאָסקווע, קיעוו, ריגע, מינסק, טשערנאָוויץ, שוין אָפּגערעדט פון ביראָבידזשאַן, געפי־נען זיך יידישע טעאַטערס, וואָס שפּילן פאַר געפּאַקטע הייזער דעם קלאַסישן און מאָדערנעם רעפּערטואַר... פאַרלאַגן אין מאָסקווע און

בירָאבידזשאַן גיבן אַרויס יידישע ביכער אין באַדייטנדיקע צאָלן — אין 1946... ליטעראַרישע אָוונטן ווערן אָפּט אָפּגעהאַלטן... ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניטאָ היינט, פּונקט ווי ס׳איז ניט געווען פאַרן קריג, אין קיין שום געביט פון לעבן... דאָס איז היינט דער איינציקער ווינקל אויף דער ערד, וואו דער ייד פילט זיך באמת פריי און גלייך מיט אַלע אַנדערע מענטשן פון זיין לאַנד... בירָאבידזשאַן איז שוין באַלד און וועט ווייטער זיין נאָך מער אַזוי יידיש ווי אוקראַינע איז אוקראַיניש און ווי בעלאָרוסיע — בעלאָ־רוסיש״.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער נאַצי־חורבן פון די סאָוועטישע יידן: ס׳איז גאָר קיין חורבן ניט געווען: מען איז געגאַנגען אין טעאַטער, געלאָפן אויף פאַרלעזונגען, געבויט קהילות און געבליט אין בירָא־בידזשאַן.

און וואו און ווען איז דאָס דאָזיקע ביסל פאַרקערטער מוח גע־דרוקט געוואָרן? אין אַ ספּעציעלער בראָשור וואָס ער האָט אַרויסגע־געבן, „סאָוועטן־פאַרבאַנד — פיינט אָדער פריינד?״ (ניו יאָרק, 1947, ז׳ 6־24).

בלייבט אַ רעטעניש: ווי אַזוי האָט אַ מענטש געקענט פון אַזאַ שוואַרצער נאַכט מאַלן אַזאַ ווייסן טאָג? וואו האָט זיך ביי אַ שרייבער אָפּגעפונען אַזאַ העזה, אַזוי צו פאַרליגנערן די ווירקלעכקייט? אַ העזה קעגן זיך אַליין, קעגן די אייגענע אויגן?

און נאָך אַ רעטעניש איז דאָ דערביי: האָבנדיק דעמאָלט אַליין פאַרפעלט צו דערציילן יענעם שוואַרצן אמת, פאַרוואָס מאָנט ער היינט אַנדערע זאָלן עס דערציילן?

די צווייטע רעטעניש איז איצט וויכטיקער ווי די ערשטע. זאָל עס זיין אַ קריזיס פון געוויסן? נאַרישקייטן! ווען ער וואָלט געהאַט אַ געוויסן, וואָלט ער לכתחילה ניט געקענט באַגיין אַזאַ נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע פעלשונג. נאָר אפשר איז דאָס דער ענטפער: מ׳זאָגט אַז פאַרברעכער ציט צום אָרט פון זייער פאַרברעכן, און אַזוי גיבן זיי זיך אָפּט אַליין אַרויס. מאַנענדיק פון אַנדערע, האָט ער נאָר אונטערגעשטראָכן וואָס ער האָט אַליין פאַרפעלט. און אַזוי האָט ער זיך אַליין אַרויסגעגעבן.

נאָר גיכער פון אַלץ אפשר גאָר דערפאַר וואָס ער האָט גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן אַז אין 1946 האָט ער סטאַלינ׳ס „פינצטערע יאָרן״ באַצייכנט ווי משיח׳ס צייטן ביי יידן. אים איז גרינג צו פאַרגעסן

וואָס ער שרייבט. וואָרים זיין שרייבן גייט ניט פון האַרצן, עס גייט אַפילו ניט פון דער האַנט, וואָרעם די האַנט גייט אויך מיטן האַרצן; עס גייט ביי אים פון אַרבל, פון ליידיקן אַרבל, פון זיין רעקל אויפן פלעקל.

ממש אויף טריט און שריט האָט ב. צ. גאָלדבערג געזען משיח׳ס צייטן ביי יידן אונטער סטאַלינען. נעמט, למשל, אַזאַ סצענע ווי ער האָט געזען ווען ער איז עולה רגל געווען צו לענינ׳ס קבר: אויף אַזאַ הייליקן אָרט וועט ער דאָך קיין ליגן ניט זאָגן:

„אָט זיינען מיר שוין ביים אַריינגאַנג״ — שרייבט ער — דער אַלטער ייד מיט די פּיאות כאַפּט אַרונטער דאָס היטל נאָך איידער ער גייט אַריין אין טויערל. גויים וואַרטן מיטן היטל ביז דער טיר פון מאַווזאָלעאום. דער ייד — זיינ׳ס מעג איבערגיין: ער וואָלט דען איצט געווען אין מאָסקווע, ווען ניט לענין?״...

עס זיינען באַוואוסט אַ סך טיפּזיניקע וויצן אויף דער טעמע „לענין״, וואָס די יידישע פּיקחות האָט געשאַפן, ווי ס׳איז אייביק די יידישע טבע, כדי זיך אַ ביסל צו פאַרזיסן אַ ביטערע מערכה. די חכמה איז מבטל די ווירקלעכקייט און העלפט זי אַריבערצוטראָגן. קומט ב. צ. גאָלדבערג, אַ הומאָרלאָזער קירבעס, און טוט אָן די ביטערע וויצן די באָרד און פּיאות פון ישראל סבא און מיינט ער ראַטעוועט לענינ׳ען ביי יידן.

אָבער ניט פאַר יידן אַליין איז סטאַלין דער משיח. פאַר גויים אויך. פאַר גויים ערשט. סטאַלין איז דער „גרעסטער רוס״, האָט ער געשריבן. ריידנדיק וועגן דער אַמעריקאַנער־סאָוועטישער פריינדשאַפט נאָ דהיטלער׳ס אָנפאַל אויף רוסלאַנד, שרייבט ער: „דאָס האָט גע־פונען זיין העכסטן אויסדרוק — האָט ער געזאָגט אויף זיין באַנקעט אין אָדעס — אין דער סאָוועטיש־אַמעריקאַנער פריינדשאַפט, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן פון בעסטן אַמעריקאַנער, רוזוועלט, מיטן בעסטן רוס, סטאַלין״ („טאָג״, אויגוסט 19, 1946).

אַן אַנדערש מאָל האָט ער פאַרגעשטעלט סטאַלינ׳ען ווי דעם גרעסטן שטאַטסמאַן, גרעסטן חכם, גרעסטן גייסט פון אונדזער צייט, און איינער פון די זשעניען פון אַלע צייטן. ער האָט אַפילו געבראַכט אַן עדות דערויף: אַ פראַנצויזישן מיטלויפער, אַנרי באַרביס. נו, און איר — איר גלייבט נאָך אַלץ ניט? אַפילו ניט אַנרי באַרביסן? זייט איר אַ פאַרפאַלענער בעזבאַזשניק!

יענע צייט ווען ב. צ. גאָלדבערג איז אַרומגעפאָרן פון באַנקעט

צו באַנקעט איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד, די צייט פון 1946, איז געווען אַ מוראדיקע צייט פאַר יידן אין רוסלאַנד. דאָס לאַנד איז געווען דורכגעפרעסן פון אַנטיסעמיטיזם. אין קיעוו איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, אַן אמתער פּאָגראָם, אַ פּאָגראָם ווי אַלע פּאָגראָמען. דער טעראָר איז געווען געדיכט ווי דער חושך מצרים. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אַרויסגעוויזן אין שרעקלעכער פאָרם צווישן די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער, וואו די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען האָבן אָפט אויס־געהרגעט די יידישע. די יידישע שרייבערס האָבן אָנגעהויבן ליידן פאַר די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען וואָס זיינען זיי דערלויבט געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן. אין הינטערגרונט האָט זיך שוין געגרייט יענע פינצטערע פאַרשווערונג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער אַך־גראָ אויסשלאַכטונג פון די יידישע שרייבערס און קינסטלערס. דאָס אַלץ איז זינט דעמאָלט באַשריבן געוואָרן אין אַ שלל מיט ביכער. פון יענער גרויזאַמער צייט האָט ב. צ. גאָלדבערג באַריכטעט פון רוסלאַנד,

„די ברידער שרייבערס פילן זיך היינט היימישער, אַריינגעוואַק־סענער אין דער סאָוועטישער וועלט, און דערפאַר אויך פרייער און יידישער" („טאָג", אַפּריל 21, 1946).

פון יענער גרויזאַמער צייט ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד איז געווען געדיכט ווי די הייסע שטיקעניש פאַר אַ שטורעם האָט אונדזער תכשיט געשריבן פון מאָסקווע:

„עס איז ניטאָ קיין שפּור פון אַנטיסעמיטיזם ניט געקוקט אויף היטלער'ס פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער סאָוועטישער באַפעלקערונג אין די טעג ווען ער האָט אָקופּירט אַזאַ גרויסן טייל פון לאַנד... אַזוי אַרום מערקט זיך דאָ די פולע עמאַנסיפּאַציע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, די פולשטענדיקע פּראָדוקטיוויזאַציע, די אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכטיקונג אין סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קול־טורעלן לעבן". („טאָג", מערץ 23, 1946).

„איך האָב די גרעסטע האָפענונג — שרייבט ער דעמאָלט אַן אַנדער טאָג — אַז ווייס־רוסלאַנד האָט אַ וואונדערבאַרע צוקונפט פאַר יידן" (מערץ 28, 1946)). „די באַציאונג פון דער ווייס־רוסישער באַפעלקע־רונג צו די יידן איז געווען אויסגעצייכנט. ניקיפאָר נאַטאַלעוויטש, דער פּרעזידענט פון דער ווייס־רוסישער רעפּובליק, האָט מיר מיט שטאָלץ געזאָגט, אַז קיין איין „קאָלכאָזניק" האָט ניט אויסגעגעבן אַ יידן צו די נאַציס" („טאָג", מערץ 10, 1946).

און מאַכנדיק אַ סך הכל פון יענער רייזע זיינער אין יענער ביטע־רער צייט איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ער געשריבן:

„די וועלט איז היינט צעטיילט אין צוויי מחנות: די מחנה פון רעאַקציע און די מחנה פון פּראָגרעס... די רעאַקציע איז פאַשיסטיש, דער פּראָגרעס איז לינקער און ראַדיקאַלער ווי אַמאָל. סתם ליבע־ראַליזם, דער וואָס איז אַמאָל געשטאַנען אין מיטן, איז אַרויסגעפאַלן... אָט די צעטיילונג שניידט איבער, ווי אַ מעסער, אַלע פעלקער פון דער וועלט... די באַציאונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן דער ׳שיבולת׳ פון היינטיקן וועלט־קאַמף צווישן דער פינצטערניש פון תהום און דער ליכטיקייט פון דער זון („טאָג״, נאָוועמבער 10, 1946).

דאָס האָט געהייסן: די סאָוועטישע האַלבע וועלט, מיט רוסלאַנד אין צענטער, איז אין דער ליכטיקייט פון דער זון; די אַנדערע האַלבע וועלט, מיט אַמעריקע אין צענטער, איז וואו עס הויערט די פינצטער־ניש פון דעם תהום.

אַ נביא, אַ מיניסטער און אַ שרייבער

ווי מיר האָבן געזען, איז סטאַלין ביי ב. צ. גאָלדבערגן געווען דער יידישער משיח. פון די ספרים ווייסן מיר, אַז צו משיחן וועט זיין אַ נביא, וואָס וועט אָנזאָגן זיין קומען און וועט טייטשן זיינע צייטן. און ב. צ. גאָלדבערג האָט געפילט, אַז טאַקע אויף אים אַליין האָט אַראָפּגענידערט דער גייסט פון נבואה און ער איז געלאָפן פאַר סטאַלינ׳ס רייטוואָגן און האָט אַ סך גרויסע און געהויבענע נביאותן געזאָגט אויף זיין האַר. און אָט איז איינע פון זיי:

„אין פינף יאָר אַרום וועט מען אין ראַטנפאַרבאַנד עסן זעמעלעך מיט פאַנקוכן פאַר אָנבייסן און פאַרבייסן מיט קאַקאַאָ, און מען וועט טראָגן לעדערנע שיך און אמתע וואָלענע אָנצוגן — און דווקא אויס־געפּרעסטע, און דאָס וועלן געניסן פּראָסטע אַרבעטער אַזוי גוט ווי די ספּעצן. און יידן בתוכם״...

און אַזוי זיכער איז ב. צ. געווען אין זיין רוח הקודש, אַז ער האָט צוגעשריבן צו דער נבואה אַזוי צו זאָגן:

„און אויב די נבואה מיינע וועט ניט מקוים, וועל איך דעמאָלט אויפהערן צו שרייבן וועגן עקאָנאָמישע פראַגן״.

די דאָזיקע נבואה איז געזאָגט געוואָרן אין „טאָג״, שבת, דעם 6טן אָקטאָבער, 1934, פון מאָסקווע אַרויס, וואו אונדזער נביא האָט געמאַכט זיין ערשטע רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד. פון דעמאָלט ביז היינט, ווען די איצטיקע שורות ווערן געשריבן, האָבן מיר אַ קיימא לן פון 29 יאָר. אַלזאָ, שוין באַלד גוטע זעקס מאָל פינף יאָר, און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גייען נאָך אַלץ אַרום האַלב־נאַקעטע מענטשן האַלב־הונגעריק, און ב. צ. גאָלדבערג שרייבט נאָך אַלץ! ווען וועט ער שוין האַלטן וואָרט?

אָדער ווען וועלן זיינע לייענערס אים נעמען ביים וואָרט?

אין גאַנצן איין חודש שפּעטער האָט דער גייסט פון נבואה ווידער גערוט אויף זיין קאָפּ און ער האָט נביאות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

„צא ולמד — גייט און זעט: דווקא אין דעם לאַנד פון דער גרעסטער און ווילדסטער יידן־פאַרפאָלגונג איז דער אַנטיסעמיטיזם

אַמטיכטיקסטן אויסגעראָט געוואָרן. נאָך זיבעצן יאָר באָלשעוויס־טישער הערשאַפט — און עס וועט אַפילו קיין זכר פון אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנלאַנד ניט בלייבן" („טאָג", נאָוועמבער 8, 1934).

פון דעמאָלט ביז הייַנט זיינען ניט נאָר איין זיבעצן, נאָר שוין באַלד צוויי מאָל זיבעצן יאָר פאַרביי, און דער אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנלאַנד וואַיעט פונקט אַזוי וועלפיש, אויב ניט נאָך וועלפישער ווי אין צאַרנלאַנד.

די נבואה וועגן אַנטיסעמיטיזם איז, אמת, ניט באַגלייט געוואָרן מיט דער הבטחה, אַז אויב זי וועט ניט מקויים ווערן, וועט ער אויפהערן שרייבן. אָבער מיר מעגן עס אָפּלערנען פון אַ גזירה שווה אָדער אַ קל וחומר. און דאָך, ב. צ. גאָלדבערג שרייבט נאָך אַלץ אי וועגן עקאָנאָמישע פראַגן, אי וועגן אַנטיסעמיטיזם, און וועגן וואָס ניט?

בלויז וועגן איין נבואה וואָס איז ביי אים ניט מקוים געוואָרן איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, און דוכט זיך אויף אייביק. כאָטש אַ גרויסע און לאַנגע נבואה געווען, און מיט אַ קלאַפּ אין טיש געזאָגט געוואָרן. און אָט איז די נבואה, און די טויטשטילקייט נאָך איר:

„דאָס לאַנד (בירא־בידזשאַן) וועט זיין אַ יידיש לאַנד, טראָץ די אַלע וואָס צווייפלען, טראָץ די אַלע וואָס מיינען, אַז זיי קענען שטערן.. דאָרטן וועלן די יידן זיין די זעלבע באַלעבאַטים, וואָס די רוסן זיינען ביי זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד" („טאָג", סעפּטעמבער 18, 1934).

היינט — קיין זכר ניט דערפון. שאַט, אַ נבואה שלאָפט איר אייביקן שלאָף...

מ'זאָגט אַז אַ נאַר איז אַ נביא. זיינע נביאות זיינען אויסגערונען און דער נאַר איז אונדז געבליבן.

נאָר די פּיאַסקאָ פון ב. צ. גאָלדבערגן איז סוף־סוף ניט די חרפה פון גאָלדבערגן אַליין. זי איז אין גלייכער מאָס די חרפה פון זיינע לייענערס וואָס האָבן געגעסן פון זיין טיש און האָבן איבער דער נבילה געמאַכט אַ ברכה און געבענשט, און די חרפה פון דעם ברייטן כלל וואָס האָט מיט זיין שוויגן געזאָגט אָמן. האָבן דאָך אונדזערע חכמים געזאָגט: ניט די מויז איז דער גנב, די לאָך איז דער גנב.

בלויז דער „פאָרווערטס" איז דעם פאַלשן נביא אַרונטער אונטער דער מאַסקע און אים געגעבן פייערדיקע פּעטש. ווען ניט דער „פאָר־ווערטס", וואָלט דער חברה־מאַן, בשותפות מיט די רויטע כאַווירים, צעטראָטן די גאַנצע יידישע גאַס אויף שטויב אונטער די פיס פון דער צעיושעטער רוסישער טראָיקע.

און ס׳איז געווען, און עס בלייבט ביז היינטיקן טאָג, אַ חידוש חידושים, ווי אַזוי באַלעבאַטישע יידן, בירגערלעכע עלעמענטן, סאָלידע געשעפטסלייט, פּראַקטישע מענטשן, יידישע בר־דעתן, מענטשן מיט שכל הישר אין די עסקים פון מאַרק, האָבן זיך געלאָזט מיט אים און ניט געוואוסט ווי ער האָט זיי געשליידערט אין די עסקים פון דער וועלט. קיינער פון זיי וואָלט מסתמא ניט איינגעשטעלט קיין קופּערנע צען פּענים אין געשעפט־זאַכן אויף אַזעלכע זייפנבלאָזן, נאָך וועלכע זיי האָבן געשטרעקט די הענט צו ב. צ. גאָלדבערגן און אָנגעהאָנגען אויף זיי די צוקונפט פון זייער פאָלק.

למשל: דאָס זיינען דאָס רוב געווען נאַציאָנאַליסטישע יידן, ציוניס־טיש געשטימטע יידן, יידן וואָס היינט זיינען זיי די קויפער פון ישראל־באנדס און שטיצער פון דעם יונייטער דזשואיש אַפּיל: ווי אַזוי האָבן זיי געקענט האַרמאָנירן מיט ב. צ. גאָלדבערגס סאָוועטיש־אָריענטירטן ציוניזם?

די גאַנצע וועלט ווייס, אַז רוסלאַנד איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דאָס האַרץ פון דעם ציוניזם. די סאָוועטישע מאַכט האָט אויסגעריסן מיטן וואָרצל דעם ציוניזם אינאיי־נעם מיט די ציוניסטן. צענדליקער טויזנטער ציוניסטישע אידעאַליסטן און טוער, דערונטער אַ חלוצישע יוגנט, זיינען אונטערגעגאַנגען אין די טורמעס און פאַרשיקונגען. נאָך גאָלדבערגס צוריקקער פון ראַטנ־פאַרבאַנד האָט מען אים געפרעגט צי קען ער ניט זאָגן ווי איז די לאַגע פון די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע ציוניסטן.

„דאָס איז ניט קיין זייער וויכטיקע פראַגע״ — האָט ער געענטפערט — „אינגאַנצן זיינען דאָרט געבליבן אין פאַרשיקונג אַ פּופּצן יינגלעך, וואָס האָבן געדרוקט און פאַרשפּרייט פאַרבאָטענע ציוניסטישע ליטעראַטור״.

„וואָס איז געבליבן מיט דעם רעשט,״ האָט מען אים געפרעגט.

„מיט דעם בין איך ניט געווען באַקאַנט״, האָט ער געענטפערט.

נעבעך. וואָס שייך דעם פאַרבאָט אויפן ציוניזם האָט ער גאַנץ אגיל׳דיק ואשמח׳דיק אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און — באַרעכ־טיקט. „אין רוסלאַנד — האָט ער געזאָגט — זיינען ניט דערלויבט קיין שום באַוועגונגען, וועלכע זאָלן האָבן אַ קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד; קען מען אויך ניט מאַכן קיין אויסנאַם מיטן ציוניזם״.

מערקט אייך, מערקט אייך די ציניש ע האַרצלאָזיקייט צו זאָגן, אַז דער ענין פון טויזנטער פאַרפייניקטע ציוניסטן איז „ניט קיין זייער וויכטיקע פראַגע״! אָדער אַז די „פּופּצן יינגלעך״ אין די טורמעס

זיינען „ניט קיין זייער וויכטיקע פראַגע". געווען אַמאָל אַ מעשה מיט „פינף סקאַטסבאָראָ יינגלעך" אין אַמעריקע, אַה, וואָס פאַר אַ „זייער וויכטיקע פראַגע" דאָס איז געווען פאַר די קאָמוניסטן און פאַר ב. צ. גאָלדבערגן...

ווי אַזוי האָבן באַלעבאַטישע ציוניסטישע אידן געקענט פאַר־טראָגן פון אים אַזאַ קברנישע האַלטונג, צו זייער אידעאַל? אָט ווי אַזוי:

ער פלעגט איינטונקען זיין פעדער אין אַ האָניק־פראַזע און זי אַ פיר טאָן איבער די ליפּן, און זיי פלעגן, אַנשטאָט אויסצוברעכן די גרינע גאַל, זיך נעמען באַלעקן.

מ'דאַרף, האָט ער געזאָגט, אין זינען האָבן אין אַלגעמיין „די דערגרייכונגען אין דער פּראָגרעסיווער וועלט, וואָס האָט איר משל אין דעם פאָטערלאַנד פון אַלע אונטערדריקטע" („אידישע פּרעסע", ריאָ דע זשאַניירא, נאָוועמבער 7, 1947).

דערהערט אַזאַ פראַזע, זיינען אונדזערע באַלעבאַטישע און ציוניס־טישע יידן געפאַלן כורעים און אים געקושט די שטיוול.

מען איז, פאַרשטייט איר מיך, געווען „ליבעראַלן", און דאָס האָט געמיינט, אין גייסטט פון דער צייט, קאָמוניסטישע מיטלויפער.

איך האָב זיי אָפט באַגעגנט און האָב אָפט געשמועסט מיט די דאָזיקע לייט. איך האָב געזען זייער מאַרך דורך זייער שאַרבן. איין האַלבער מאַרך איז געווען ניכטער, דער אַנדערער שיכור. איין האַלבער געזעצט, דער אַנדערער, דער לינקער, פשוט גערירט.

איך געדענק איין מאָל בין איך געווען צוגאַסט אין אַזאַ באַלע־באַטישן הויז. ס'איז געווען דאָרט אַ קליינער געזעמל מענטשן, צווישן זיי עטלעכע חסידים פון גאָלדבערגן, איינער, אַ ביזנעסמאַן, גאָר אַ פאַרברענטער חסיד. ס'האָט אויפגעזאָטן אַ הייסער וויכוח. זאָג איך צום צעהיצטן גאָלדבערגיסט:

ווען איך קום אַריין צו אייך אין געשעפט, קויף עפּעס, צאָל אייך, און דער יצר הרע באַפאַלט מיך און איך וויל אייך אָפּנאַרן אין דריי פעניס, אין איינע דריי סענט: וואָלט איר זיך געלאָזט אָפּנאַרן?

שמייכלט דער געשיקטער און דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן און זאָגט: טאַקע ניט...

טאָ פאַר וואָס זשע — פרעג איך — לאָזט איר זיך פון גאָלדבערגן אָפּנאַרן אין דריי מיליאָן רוסישע יידן?

מיר האָבן זיך געראַנגלט און געראַנגלט, און אַז ער האָט זיך

געפילט צוגעדריקט צו דער וואַנט האָט ער זיך גענומען ראַטעווען מיט אַ באַקאַנטן אַרגומענט: „ער איז אָבער אַ גוטער שרייבער!"...

און אַז ער איז אַ גוטער שרייבער — האָב איך צוריקגעשלאָגן מיט ביטערקייט — ווילט איר אים דערפֿאַר אָפּגעבן די וועלט? וועט איר אים אפשר דערלויבן אייער ווייב? אפשר אייערע טעכטער? ענטפֿערט: יע צי ניין? איך פֿאָדער!

— ניין, האָט מיין מיטשמועסער געענטפֿערט מיט בלאַסע ליפּן.

פֿאַר וואָס זשע, — האָב איך געפֿרעגט, שוין אויך מיט בלייכע ליפּן, — גיט איר אים אויף הפקר דריי מיליאָן יידן, צו טאָן מיט זיי זיין ווילן? זינט ווען איז מען עס ביי יידן מושווה געוואָרן, אַז גוט־שרייבעריי שטייט איבער אַלץ, אַפילו איבער „ייד"?

אָבער מאַכט ניט קיין טעות, האָב איך דעם יידן ניט אָפּגעלאָזט: איר האָט אים יע אָפּגעגעבן אייערע ווייבער און אייערע טעכטער, און אייערע זין אויך: וויפיל פֿאַמיליעס האָט ער צעריסן מיט זיין פֿאַלשער פּראָפּאַגאַנדע, וויפיל יידישע קינדער פֿאַרפירט מיט זיינע פֿאַלשע נביאותן, וויפיל קאַריערעס צעשטערט?

און די רבותא איז — האָב איך אויסגעפֿירט — אַז ס'איז גאָרניט אמת אַז ער איז אַ גוטער שרייבער. ער הויבט אַפילו ניט אָן צו זיין אַ גוטער שרייבער. אין ריכטיקן ליטעראַרישן זין איז ער אפשר גאָר בכלל קיין שרייבער ניט...

בלויז ביי איינעם, וואָס אָנשרייבן אַ בריוול איז ביי אים אַן אַב־מלאכה, קען גאָלדבערג גילטן פֿאַר אַ גוטן שרייבער, האָב איך געזאָגט.

יידן האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן.

און איך האָב מיינע גלאָצעדיקע מיטשמועסערס געגעבן צוויי באַווייזן, נאָר דאָ וועט איינער זיין גענוג:

איר לייענט ב. צ. גאָלדבערגן, — האָב איך געזאָגט, — שוין צוואַנציק צי דרייסיק יאָר, און אַלע טאָג, מיט „אָווערטאַים און ליגעל האָלידעיס" אַריינגערעכנט. צי קענט איר זיך דערמאָנען ביי אים כאָטש איין־און־איינציקן וויכטיקן, שיינעם, גייסטרייכן געדאַנק, וואָס איז אייך געבליבן פֿון אים? אַ געדאַנק וואָס האָט אייך אַ הויב געטאָן ביים לייענען און האָט אייך אָוועקגעטראָגן אין אַן ערגעץ, וואו איר זיינט נאָך פֿריער קיין מאָל ניט געווען? עפּעס אַ שיינע שורה, איינע וואָס זאָל כאָטש פּאַסן אויסצוקריצן אויף זיין מצבה? איין געדאַנק אַזאַ, איין שורה אַזאַ אין דרייסיק צי פֿערציק יאָר!

אַפּילו ניט ווילנדיק האָט זיך עפּעס אַזעלכעס, אין אַזאַ לאַנגער צייט, געדאַרפט אַרויסכאַפּן. אָבער ס׳האָט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט.

אָדער צי דערמאָנט איר זיך ביי אים עפּעס אַ בילד וואָס האָט אייך אַ בליץ געטאָן אין די אויגן, אָדער אַ געפּיל וואָס האָט אייך אַ ברען געטאָן אין האַרצן, אַ ליידנשאַפט וואָס האָט אייך אויפגעוועקט, אַ לאַך וואָס האָט אייך דערקוויקט, אָדער אַ טרער וואָס האָט אייך געשטיקט? צי איז זיינס אַ זאַג אַמאָל געקומען עפּעס מאַנען ביי אייך בייטאָג, אָדער אייך ווערגן אין חלום אַמאָל ביינאַכט? אַיאָ קיינמאָל ניט?

ווייל ער איז אַ שרייבער אין גאַנצן אָן פּאַטאָס און אָן סענטימענט, אָן טרערן און אָן געלעכטער, אָן אַ גלעט און אָן אַ ביס, אָן תורה און אָן חכמה, אָן ראַזשינקעס און אָן מאַנדלען. אַ וויץ, אַ קלוגשאַפט? אַ הויך הומאָר? דאָ גופא האָבן מיר אַ שטיק קאָמיזם: אָן איידעם פון גרעסטן יידישן הומאָריסט פּאַרמאָגט לחלוטין ניט קיין ברעקל חוש פאַר הומאָר. אַ מענטש וואָס קען ניט וויינען און קען ניט לאַכן — אַ געטרייע מאַמע וואָלט געדאַרפט מיט אַזאַ זון אויספּאָרן צו אַלע גוטע יידן.

עס מעג קומען אַ מבול, ס׳מעג קומען מלחמה, ס׳מעג קומען ערד־ציטערניש און מגפה — און אין אונדזערע טעג זיינען זיי אַלע געקומען — און ער, מער ווי דריבנע סברא׳לעך מיט וואַסערדיקער טינט קען ניט געבן, אָן וויכטיקייט און אָן געוויכט. ער איז נאָר גלאַט ווי אַ גליטש, אַריבערגעפּרוירן איבער אַ בלאָטע, וואו קיין פיש איז ניטאָ, נאָר שרצים און ווערים ווידמען זיך דאָרט.

איך גיב אַ רענדל פאַר אַ געדאַנק, צוויי פאַר אַ בילד אויב אימיצער וועט עס געפינען ביי גאָלדבערגן! — האָב איך אָנגעבאָטן דעמאָלט ביי יענער היימישער אסיפה. ביז היינט האָט זיך נאָך קיינער ניט געמאָלדן. נאָר דער אָנבאָט שטייט נאָך היינט אויך. אין דעם קאָנ־קורס קענען זיך באַטייליקן אַלע, אָן באַגרענעצונג פון עלטער און אָרט; עס קענען אָנטייל נעמען קינדער און גרייזן, פון הודו ביז כוש. און אויך צוריק און פאַרויס: פון אַלץ וואָס ער האָט שוין געשריבן, אָדער וואָס ער וועט נאָך שרייבן.

נייך, אָן דידאַקטישע צוויי עלעמענטן, בילד און געדאַנק, איז מען ניט קיין שרייבער. מען קען זיין אַ פּאַסאַזשיר אין דער פּרעסע אָדער אין דער ליטעראַטור, אַ שכן, אַפּילו אַ מאַכער און אַ קאָכלעפל, אָבער ניט קיין תושב, ניט קיין שטאָט־בירגער.

נאָר מחשבות'ן, אײך „וואַזשנעם" זאָג האָט גאָלדבערג יע אין זײַן לעבן אַרויסגעזאָגט, אָ זאָג צום געדענקען. ווען דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געשטאָרבן, האָט ער אָ שרײַב געטאָן: דר. זשיטלאָווסקי איז געווען „דער משה רבינו פון אונדזער דור..." ענדלעך אַממאָל אַרויס פון די כלים...

לכן, ביט צוליב „גוט־שרײַבערײַ" זײַנען אונדזערע יידן געלאָפן צום פאַלשן נביא. זיי זײַנען אין אמתן געלאָפן — צוליב דער פאַלשקייט. וואָרעם ביים פאַלשן נביא איז שטענדיק גוט. ער שרייט שלום, שלום ווען ס'איז קיין שלום. ער נאַרט אַריין מיט אילוזיעס פון „זעמעלעך מיט פאַנקוכן", וואו מ'הונגערט, מיט גן עדן וואו די איינציקע ווירקלעכקייט איז די שלאַנג, מיט לופט־שלעסער, וואו ס'זײַנען נאָר דאָ זומפן און פליגן. יידן זײַנען פאַרפאַלענע אידעאַליסטן. יידן האָבן געבענקט נאָך גוטסקייט אין דער וועלט, יידן זײַנען גוט־האַרציקע, רחמנים בני רחמנים, איז מען נאָכגעלאָפן נאָך זײַנע פאַ־פירענע מיראַזשן.

ס'האָט יידן שטאַרק געצויגן צו דער עבודה זרה. דער סטאַ־לינשער עבודה זרה. זינט דעם עגל הזהב גיט עס יידן אָפּט אָ צי צו דער עבודה זרה. די עבודה זרה איז זייער מעכטיק. דער זינדיקער קעניג מנשה איז געקומען דעם תנא צו חלום און אים געזאָגט: ווען דו וואָלסט געווען געלעבט אין יענער צייט וואָלסטו אויך צוגעשפּי־ליעט די פּאָלעס און געלאָפן צו דער עבודה זרה. און אוי, זײַנען אונדזערע יידעלעך געלאָפן צו דער עבודה זרה פון אונדזער צייט! אוי, האָבן זיי פאַרקאַטשעט די פּאָלעס... און זיך אויסגעליידיקט די קעשענעס...

די תורה באַפעלט, אַז ווען אָ נביא זאָגט פאָרויס אַז געוויסע צייכנס וועלן קומען, און די צייכנס קומען טאַקע, נאָר ער רופט דורך זיי צו עבודה זרה, אַזאַ נביא איז חייב מיתה...

און אין דער וועלט איז אָנגענומען, אַז ווען אָ מיניסטער לייגט פאָר אָ פּראָגראַם, און די פּראָגראַם איז אָ דורכפאַל, ווערט ער אָוועקגעשיקט צום טייוול. אויב ער איז אָנשטענדיק, רעזיגנירט ער אַליין.

און אונדזער ב. צ. גאָלדבערג איז געווען ביידע זאַכן: אָ נביא וואָס האָט גערופן צו עבודה זרה און אָ מיניסטער וואָס איז דורכ־געפאַלן מיט זײַנע פּראָגראַמען: און דאָך שטייט ער אומפאַרשעמט און פּראָוועט ווייטער.

געווען אַמאָל אַ משומד אין שפּאַניע, אבער האָט ער געהייסן, וואָס האָט ניט מצליח געווען מיט זיין שמד. האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל אָן ווענטלעס און האָט זיך אָפּגעשטופּטט אין ים אַריין און איז פאַרשוואונדן אויף אייביק.

ב. צ. גאָלדבערג איז ענלעך אויף יענעם משומד מיט דעם דורכ־פאַל און מיט דעם שיפל אָן ווענטלעס. סטאַלין איז געווען זיין שטאַרקע ווענטלע. האָט זי כרושטשעוו אים אַרויסגעקלאַפּט פון דער האַנט. זיצט ער אין אַ שיפל אָן אַ ווענטלע און איז ניט זיכער וואוהין ער פאָרט, און קיינער ווייסט ניט וואוהין ער פירט. דאָס שיפל דרייט זיך אין שטראָם פון דער צייט און ער מיטן שיפל דרייט זיך אַרום „ווי אַ פראַנצויז אין רוסלאַנד״, ווי דאָס אַלטע ווערטל גייט.

אַ יידיש קול פון רוסלאַנד

יאָ, ווען סטאַלין האָט געלעבט איז ב. צ. גאָלדבערגן גוט און וואויל געווען. ער האָט געוואוסט אויף וואָסער וועלט ער איז. געוואוסט ווי צו גיין, ווי צו שטיין און ווי צו שרייבן. ניט געדאַרפט קיין אייגענעם שכל. געווען אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. ניט ער — סטאַלין האָט זיך געדאַרפט ברעכן דעם קאָפּ. אַי איז דאָס געווען אַ סטאַלין, איז דאָס געווען אַ קאָפּ! אָט, למשל, איז ב. צ. גאָלדבערג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און ער הערט:

„סטאַלין האַלט אַ קאַמפּעין־רעדע. ער איז אַ קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט, טרעט ער אַרויס, ווי אַלע קאַנדידאַטן, מיט אַ רעדע פאַר די וויילער פון זיין געגנט. די רעדע, דאַכט זיך, איז זייער אַ פּשוטע, אַן איינפאַכע, און ווי אַלץ וואָס ער רעדט און שרייבט — לאָגיש: אָט ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר איז לאָגיש און איינפאַך" („טאָג", אַפּריל 19, 1946).

וואָס פאַר אַ פרידלעכקייט עס וויעט פון דידאַזיקע שורות? סטאַלין און ראַטנפאַרבאַנד — אַ מלאך אין האַרצן פון אַן אידיליע. וואָס מיר דיקטאַטור, וואו מיר „ענקאַוועדע", ווען מיר שרעק און טעראָר? דאָס וועט כרושטשעוו ערשט צען יאָר שפּעטער, אין 1956, אויסזאָגן און מודה זיין. דאָס האָט דער „פאַרווערטס" מיט צוואַנציק יאָר פריער שוין אויפגעדעקט און באַוויזן. אָבער דאָס איז ניט קיין געשעפט פאַר אַ ב. צ. גאָלדבערגן. פאַר אים איז דאָ אַלץ „זיסקייט און ליכט". אַלץ איז אים דאָ פּשוט, איינפאַך און לאָגיש. די פאַרשיקטע אַן דין און משפּט זיינען געווען לאָגיש, דער פּחד פאַר אַ קלאַפּ אין טיר ביינאַכט איז געווען לאָגיש, דער סטאַלין־היטלער פּאַקט איז געווען לאָגיש.

אָט מיט אַזעלכע ליגנערישע לאָגיקעס האָט אונדזער העלד אויך פאַרליגנערט דעם גורל פון דריי מיליאָן סאָוועטישע יידן.

ווײ די יאָר און ווײ דעם דור, אַז ב. צ. גאָלדבערג איז געווען די צונג פאַר די סאָוועטישע יידן! אַ סטאַלין־כרושטשעוו צונג.

ווי וואָלט זיך געוואָלט הערן וואָס די סאָוועטישע יידן האָבן צו

זאָגן וועגן ב. צ. גאָלדבערגן!... אָבער, נישקשה, ס'וועט קומען אַ צייט. „זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". און דעמאָלט זאָל זיך ב. צ. גאָלדבערג היטן! אַ שמץ דערפון האָבן מיר שוין געהערט. אַן אָדערויף געקראָגן. עפּעס גאָר אויסטערלישעס. איר וועט עס באַלד הערן. נאָר דערווייל לאָמיר הערן נאָך אַביסל פון ב. צ. גאָלדבערגן וועגן די סאָוועטישע יידן.

עפּעס וואָס זאָל דערקלערן פאַרוואָס אַזוי פיל שולן, בתי כנסת, זיינען צוגעמאַכט געוואָרן אין רוסלאַנד. אין 3־1962 אַליין צוגעמאַכט די שולן אין לעמבערג, קאָוונע, זשיטאָמיר, זשמערינקע, קאַזאַן, גראָזני, פּיאַטיגאָרסק, קאַלאַראַש.

איך נעם אַרויס מיין גאָלדבערג־טעקע און איך לייען ביי אים:

„ווי עס איז אַלגעמיין באַקאַנט, גאַראַנטירט די סטאַלין קאָנסטי־טוציע פולע רעליגיעזע רעכט פאַר יעדער גרופּע, וואָס אין דער פּראַקטיק מיינט עס, אַז יעדע גרופּע פון צוואַנציק אָדער מער פּער־זאָנען, וואָס געהערן צו איין גלויבן, קאָנען זיך אָרגאַניזירן אַלס אַ רעליגיעזע גרופּע און זיך רעגיסטרירן ביי דער רעגירונג. זיי קאָנען דערווילן זייער אייגענעם פאָרזיצער און אַן עקזעקוטיווע און זיך פירן לויט אַלע דינים פון זייער באַשטימטער רעליגיעזער גרופּע און די רעגירונג מישט זיך ניט אין דעם. פאַרקערט, די רעגירונג קאָאָפּערירט נאָך מיט אַזאַ גרופּע און העלפט איר אין פאַרשידענע הינ־זיכטן... מיין איינדרוק פון דעם אַלעמען איז, אַז יידן האָבן דאָ, אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַלע מעגלעכקייטן צו פירן אַ פריי, רעליגיעז לעבן".

דאָס האָט גאָלדבערג געדרוקט, פון מאָסקווע, אין „טאָג", מערץ דעם 30סטן, 1946. אַ געזאַנג דער סאָוועטישער רעגירונג. דריי מאָנאַטן שפּעטער, יוני דעם 27סטן, 1946, לייענען מיר ביי אים פון דאָרטן אַ ביטערן פאָרוואורף אויף די סאָוועטישע יידן:

„אַ לוח גייט אויס און קיין נייע לוחות האָט מען ניט געדרוקט. ניט, חלילה, ווייל מ'האָט ניט געלאָזט אָדער מען האָט ניט געקענט, נאָר פּראָסט ווייל ס'איז ניטאָ קיין קהילה אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זאָל קענען עפּעס טאָן אָדער וועלן עפּעס טאָן פאַר אַלע קהילות אין לאַנד...

„פאַרוואָס — שרייבט ער ווייטער — דרוקט מען ניט קיין לוחות אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? נעמט ניט אָן די תירוצים פון דוחק אין פּאַפּיר און דרוק. עס איז טאַקע פאַראַן אַזאַ דוחק, אָבער אַז מען דאַרף דרוקט מען פונדעסטוועגן. מען דרוקט ניט קיין לוחות דער־

פאַר, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן — פון דער יידישער רעליגיעזער זייט. דער מיניסטער פון רעליגיעזע ענינים האָט מיר אָפּן געזאָגט, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן יידישע רעליגיעזע ענינים, ווי אַ ישיבה, דרוקן ספרים און דאָסגלייכן: „איך קען עס דאָך פאַר די יידן ניט מאַכן, די יידן מוזן עס דאָך אַליין טאָן.״

הערט, יידן! סטאַלין האָט געוואָלט אַלץ געבן: לוחות, ספרים, ישיבות, שולן, נאָר יידן האָבן שוין ניט געוואָלט, שוין ניט געדאַרפט! צו אַזאַ געמיינער שטיק פאַרלוימדונג קען איך נאָר געבן אַיין גלייכעניש: בען העכט׳ס באַהויפּטונג אין זיין „פּערפידי״, אַז היטלער האָט גע־וואָלט לעבן לאָזן דעם מיליאָן אונגאַרישע יידן, נאָר ווייצמאַן, בן־גוריון און שרת האָבן ניט דערלאָזט...

פאַר מיר איז דאָ געווען, און געבליבן, דער שפּיץ פון גאָלדבערג׳ס פאַרראַט לגבי די סאָוועטישע יידן. איך האָב געוואוסט מיט אַלע חושים אַז דאָס איז אַ ליגן. איך האָב אַזעלכעס ניט געקענט גלויבן אויף טביה דעם מילכיקן. וואָס איז דען געוואָרן פון טביהן, האָב איך געפרעגט: טביה זאָל ניט וועלן וויסן ווען שבועות פאַלט אויס און יידן דאַרפן זיך פאַרגרייטן מיט מילכיקס אויף יום־טוב, מיט מילך אויף קאַווע, קעז אויף בלינצעס?

איך האָב דעמאָלט אויפגעהויבן אַ געשריי קעגן גאָלדבערג׳ס פאַרפעלשונג פון יידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט מיר געענטפערט. ער האָט מיך אָנגערופן: הונט, דער הונט פון „פאַר־ווערטס״. ער איז שוין, אגב, געווען דער צווייטער וואָס האָט מיך אָנגערופן הונט. דער ערשטער איז געווען שלום אַש, אין מיין אַרויס־טריט קעגן זיינע קריסטלעכע שריפטן. אַש האָט מיך אָנגערופן: „גאָט׳ס הונט״. איך האָב אים געענטפערט: „בעסער צו זיין אַ הונט ביי גאָט איידער אַ גאָט ביי הינט״. און צו ב. צ. גאָלדבערגן האָב איך געזאָגט: בעסער צו זיין אַ הונט ביי יידן איידער אַ מענטש ביי סטאַלינ׳ען.

היינט וויל איך עס אויסבעסערן, און איך זאָג: בעסער וואָלט איך אויסגעקליבן צו זיין אַ הונט איידער ב. צ. גאָלדבערג.

וואָרים אַ הונט לייגט ניט, אַ הונט פעלשט ניט, און אַ הונט האָט ניט פאַרראַטן מיין פאָלק, ווי אין פּסוק שטייט: „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו...

אַט אַזוי האָט ב. צ. גאָלדבערג „ליקווידירט״ די רוסישע יידן. און גאָר אָן באַנג אָדער אַנגסט. ער האָט עס מקבל באהבה געווען,

און האָט זיך נאָך פאַרגעשטעלט אַז מיר אַלע וועלן עס מקבל באהבה זיין. אַזוי שרייבט ער נאָך אין 1934:

„ווער ווייסט?! אַמאָל, אַמאָל, אין יאָרן אַרום, וועלן אפשר די ווערטער „ראַטנפאַרבאַנד" פאַר אונדז האָבן מער זין, מער פאַרבינדונגען מיט געדאַנקען, געפילן, דעראינערונגען. אפשר וועלן זיי באַדייטן פאַר אונדז באַפרייאונג פון גלות־אַנטיסעמיטיזם, פון באָדנלאָזיקייט און לופט־האַנדל, פון דערשראָקענע אויגן און געבויגענעם רוקן און געפּאַלענעם געמיט. אפשר וועלן זיי באַדייטן פאַר אונדז דעם אויפגאַנג פון אַ נייעם טאָג, פון פעסטע פיס און ברייטע פּלייצעס, פון אַ זיכערן טראָט אויף אייגענער ערד און גרויסן מוט און אייגענער פאַבריק".

„אויף אייגענער ערד" — דאָס רעדט ער ניט, חלילה, פון ארץ ישראל; דאָס רעדט ער פון בירא־בידזשאַן: ווידער — דער יידישער משיח אין מאָסקווע! נאָר הערט די מאָדנע, מיסטישע, כמעט הירא־גליפישע צושריפט:

„צי די יידן וועלן זיין דערביי? איך האָף אַז יאָ, איך גלויב אַז יאָ".

דאָס הייסט: מעגלעך אַז אין דער דאָזיקער ראַטנפאַרבאַנדישער גאולה, וועט זיין אויס מיט יידן; ער האָפט אַז ניט. אַ גרויסן דאַנק אים. נאָר אויב יאָ? איז מילא, וועט זיין אַ וועלט אָן יידן...

וואָס איז דאָ דערויף צו זאָגן?

דערויף וועל ניט איך ענטפערן. דאָ וועל איך לאָזן די סאָוועטישע יידן אַליין לאָזן הערן זייער קול.

די סאָוועטישע יידן — לאָזן הערן זייער קול? ווי אַזוי? זיינען זיי דען ניט אין רוסלאַנד אַזוי ווי אין אַ טויבער און בלינדער קאַמער פאַרזיגלט?

נאָר אין 1960 איז געשען עפּעס גאַנץ אומגעוויינלעכס ביי די רוסישע יידן. יענעם יאָר איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָלקס־ציילונג, און צווישן די פראַגן איז געווען איין פראַגע: „וואָס איז אייער מוטערשפּראַך?" און וואונדער איבער וואונדער: פינף הונדערט טויזנט יידן האָבן געענטפערט: יידיש.

דער וואונדער איז ניט אין דער צאָל, נאָר אין דער גבורה הינטער דער צאָל: אין אַ רעזשים פון טעראָר, אין אַן אַטמאָספערע פון אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, אין אַ צייט ווען אויף יידיש איז געלעגן אַן אָפיציעלער חרם, האָבן פינף הונדערט טויזנט יידן פון אַן ערך צוויי אַ האַלב מיליאָן, כן ירבו, געהאַט דעם מוט אָפן צו דעקלאַרירן זייער

סאָלידאַריטעט מיטן יידישן לשון. דאָס איז געווען גאָר אַ נייער און גאַנץ אייגנאַרטיקער קידוש השם:

ס׳האָט זיך געשריבן 500,000, אָבער ס׳האָט זיך געלייענט: שמע ישראל!

ס׳איז געווען אַ גרויסער אויסגעשריי, אַ מודעה רבה צו זייערע יידן־ברידער אין דער דרויסנדיקער וועלט, ס׳איז געווען אַ סיגנאַל: מיר זיינען דאָ, מיר האַלטן זיך, דער פייער האָט אונדז ניט פאַרלענדט!

ס׳איז געווען ניט וויניקער קידוש השם ווי גיין אויפן שייטער־הויפן.

די געשיכטע געפינט אירע וועגן. די געשיכטע האָט אויך געפונען אַ וועג אנדז צו לאָזן הערן וואָס די רוסישע יידן טראַכטן — וועגן ב. צ. גאָלדבערגן! ער טראַכט אַזוי פיל וועגן זיי, כדאי צו וויסן אַ מאָל וואָס זיי טראַכטן וועגן אים. ס׳איז דאָ אַ מעשה דערביי. אַ שיינע מעשה, נאָר אַ טרויעריקע.

די מעשה הייבט זיך אָן מיט דעם „שלום עליכם הויז" אין תל אביב. ווי באַוואוסט, איז אין אַמעריקע צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ פאָנד, אויפצושטעלן אין תל אביב אַ צענטער אויפן נאָמען פון דעם גרויסן יידישן הומאָריסט. און אין תל אביב איז דאָ אַ קלוב פון יידישע שרייבערס, דאָס הייסט פון יידיש־שרייבערס, וועלכע האָבן געהאָפט אַז זיי וועלן באַקומען אַ ווינקל פאַר זיך אין דעם „שלום עליכם הויז". איצט האַלטן זיי זיך אויף אין אַן אָרעמען קעלער.

אָבער ב. צ. גאָלדבערג, אַ בעל הבית איבער דעם פאָנד און איבער דעם הויז, האָט געזאָגט: ניין! און וועגן דעם דאָזיקן גאַנצן ענין איז דערשינען אַן אַרטיקל אין דער תל אביבער צייטונג „לעצטע נייעס", דעם 23סטן נאָוועמבער, 1962, פון וועלכן מיר נעמען אַרויס פאָלגנ־דיקע שטעל:

„ב. צ. גאָלדבערג האָט עס אויסגעדריקט זייער אכזריותדיק ווען ער האָט אין ניו־יאָרקער „טאָג" געשריבן, אַז די יידישע שרייבערס אין ישראל וועלן קענען טרינקען עספרעסאָ ערגעץ אַנדערש און אויף דעם מוזן זיי ניט האָבן דאָס שלום עליכם הויז. ביי ב. צ. גאָלדבערג, דעם נאָכלויפער פון דעם גרוזינישן מאַסן־מערדער דזשוגאַשווילי סטאַלין, איז דער געזונטער שעפערישער צענטער פון יידישע שרייבערס אין ישראל נישט מער ווי אַ צענטער צו טרינקען עספרעסאָ. מיר קענען פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך דער כעס און די ביטול־באַציאונג פון ב. צ. גאָלדבערג צו די יידישע שרייבערס אין ישראל: די מערהייט יידישע שרייבערס אין ישראל זיינען געווען פאַרפאָלגטע פליטים אין

גאָלדבערג׳ס ראַטנפאַרבאַנד, און ער, בן ציון גאָלדבערג, האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט קאַלינינ׳ען, מ׳זאָל די יידישע פּליטים, און צווישן זיי אויך די שרייבערס, ניט אַרויסלאָזן פון רוסלאַנד, נאָר זיי ״קאָלאָ־ניזירן״ אין בירא־בידזשאַן (לייען: באַגראָבן ביים טייך אַמור). די יידישע פּליטים, און צווישן זיי די שרייבערס, האָבן ניט געפאָלגט גאָלדבערגן און ליבערשט עולה געווען קיין ישראל. גאָלדבערגן איז ניט געלונגען צוצושטעלן סטאַלינ׳ען נאָך ליקווידאַציע־ און צעשיס־מאַטעריאַל אויף צו פאַרפילן די בית עולמס אין בירא־בידזשאַן און די סיבירער טייגעס. טוט גאָלדבערגן ווי וואָס די קאַנדידאַטן אויף קרבנות לעבן און שאַפן אין ישראל און עס טוט אים ווי וואָס עס לעבן עדות פון זיין שאַנדהאַפטן אָפּמאַך מיט קאַלינינען. איז ער די שרייבערס צווישן אַט די לעבעדיקע עדות מבטל ווי עספּרעסאָ־טרינקערס. ער גלייבט זיכער, אַז דערמיט וואָס ער און די אַנדערע יורשים פון שלום עליכמ׳ען וועלן ניט אַריינלאָזן די יידישע שרייבערס אין שלום עליכם הויז, וועט ער זיי ליקווידירן אויף אַן אַנדער אופן. פאַרזיכערן מיר אים, אַז אויב אים איז ניט געלונגען אוסצוליפערן די יידישע שרייבערס אין די הענט פון סטאַלינ׳ען אויף צו ליקווידירן זיי אין רוסלאַנד, וועט אים דאָס ניט געלינגען אין ישראל״...

אַט דאָס איז אַן ערשטע שטימע פון רוסישע יידן אַליין, וואָס גייט דורך תל אביב קיין אַמעריקע, און קיין אַרגענטינע, און אומעטום, און פון דאָרט אין דער יידישער געשיכטע אַריין, וואו ס׳איז דאָ אַ באַזונדער רובריק פאַר יידישע רשעים, רענעגאַטן און פאַררעטער.

אַ בעל־תשובה?

אין יענע טעג, ווען די קאָמוניסטישע כוואַליע האָט געשלאָגן גאַר־גאַר הויך אין אַמעריקע, און ב. צ. גאָלדבערג האָט מיטגעריטן אויפן סאַמע רוקן פון דער כוואַליע, האָט ער געגאָלטן, און האָט ליב געהאַט צו גילטן, און ס׳איז באַקוועמער געווען צו גילטן, ווי אַן „אומפּאַרטייאישער”. עס האָט געהייסן, אַז ער איז אַ „ליבעראַל”, נאָר וואָס זאָל ער טאָן? וואָס אמת איז אמת, מאָסקווע איז פּאַרט גערעכט...

און „צום אומגליק” איז מאָסקווע שטענדיק גערעכט געווען...

אין דער היינטיקער צייט, ווען דער סטאַלין־אָפּגאָט ליגט אַ צע־בראָכענער און אין מאָסקווע רעדט מען כלומרשט אַן אַנדער לשון, מ׳דערלויבט דאָרט אפילו אַ פינגערהוט קריטיק, דערלויבט זיך עס ב. צ. גאָלדבערג אויך. דערפון האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע, אַז ב. צ. גאָלדבערג איז געוואָרן אַ „בעל תשובה”.

אָבער האָט ער עס ערגעץ וואו אַליין געזאָגט? איז ער ווען עס איז אַרויס און האָט אָפן מודה געווען, אַז ער האָט געלעבט אין טעות און אַז ער האָט חרטה אויף זיינע טעותן; אַז ער אַליין איז געווען פאַרפירט און האָט אַנדערע פאַרפירט; אַז ער זאָגט זיך אָפּ, און פון וואָס ער זאָגט זיך אָפּ, און אַז אויף להבא נעמט ער אָן, און וואָס ער נעמט אָן — און אַזוי ווייטער?

ניין, ער האָט עס קיין מאָל ניט געטאָן. און איך באַהויפּט, אַז אין תוך איז ער געבליבן דער זעלבער וואָס געווען. און אויב איך האָב אויף איין אָרט אין די איצטיקע קאַפּיטלען געשריבן, אַז ער שווימט אַרום אין אַ שיפל אָן אַ וועסלע און ער ווייס ניט וואוהין ער פאָרט און וואוהין ער פירט, איז עס דערפאַר וואָס די גאַנצע לינקע וועלט איז היינט צערודערט און אַראָפּגעשלאָגן פון וועג. און אַ יידישער לינקער, צוליב די ספּעציעל יידישע פּראָבלעמען, איז מער צערודערט ווי אַנדערע. דאָס אַלץ און ווייטער גאָרניט.

אָבער אַ בעל תשובה? הייבט זיך אַפילו ניט אָן. פאַרקערט, וואָס עס האָט זיך געביטן וויל ער מאַכן דעם איינדרוק אַז ס׳איז אַלעמאָל אַזוי געווען.

מ׳דאַרף נאָר ריכטיק פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע וואָס דער קאָ־מוניזם ווענדט אָן, און דאַן ווערט אַלץ קלאָר. ביי די קאָמוניסטן איז ניט שייך קיין טעות. דאָ איז מען אומפעלבאַר אַזוי ווי דער פּויפּסט. וואָרעם אויב מ׳זאָל מודה זיין, אַז מ׳האָט פריער געמאַכט אַ טעות, קען דאָך געמאָלט זיין אַז איצט מאַכט מען אויך אַ טעות. און דאָס קען געבן ספיקות, און ספיקות קענען צעטרייסלען דעם גאַנצן בנין.

קומט און זעט ווי כיטרע אונדזער העלד מאַכט עס. אַרום ראש השנה צייט פון דעם יאָר, תשכ״ג, האָט ער דערהאַלטן אַ לשנה טובה קאַרטל פון אַ רב אין אונגאַרן. ווען ער געוויס ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט זיך אַ פּוץ צו טאָן פאַר זיינע לייענערס מיט דעם גרוס פון אַ רב. ער האָט באַזונדערס ליב זיך אַרויסצושטעלן מיט בריוולעך פון רבנים. דאָס זיינען פאַר אים הכשרים אויף זיין טריפן קרעמל. באַשרייבט ער ווי ער קוקט אויף די יידישע אותיות פון „כתיבה וחתימה טובה״, וואָס אויף דעם קאַרטל, און מאַכט:

„אָבער פּרובירט אַזאַ קאַרטל אָפּדרוקן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד! האָט הרב לעווין פון מאָסקווע אַזאַ געדרוקט לשנה טובה קאַרטל?״

פון דעם זעלביקן קאַרטל דערוויסט זיך אונדזער העלד, אַז אין אונגאַרן איז דאָ אַ רבנים־פאַרבאַנד, און ער מעדיטירט ווייטער:

„אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס ניטאָ. ניטאָ דאָרט אַזאַ זאַך ווי אַ פאַרבאַנד פון רבנים, און עס איז ניטאָ, ווייל מ׳לאָזט ניט. וואָלט מען געלאָזט, וואָלט געווען. ווען מען לאָזט, וואָלט דאָך אַלץ געווען...

איך האָב דאָס שוין געשריבן ביי אַ פאַר אַנדערע געלעגנהייטן, און איך זאָג דאָס איבער נאָך אַ מאָל״ („טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, נאָוו. 1, 1962).

אָט דאָ האָט איר דעם גאַנצן שווינדל אויף דער האַנט. יאָרן לאַנג האָט ער געשריבן, אָן אַן אויפהער געשריבן, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לאָזט מען יאָ, און אַז מען לאָזט אַלץ, אי יידישע אותיות, אי רבנים־פאַרבאַנדן, נאָר די יידן אַליין ווילן עס שוין ניט. דאָס אַלץ דערמאָנט ער גאָרניט, שוין אָפּגערעדט פון שלאָגן זיך על חטא דעריבער. נאָר ער דערציילט גאָר אַ מעשה, אַז ער האָט שוין לאַנג געשריבן וועגן דעם, און דאָ שרייבט ער נאָך אַ מאָל. און אויפן עבר גיט ער, ווי אַ פּאַקוסניק, אַ בלאָז אויף אַ טיכל און ניטאָ! און ער רעכנט אויס דערויף, אַז די לעזער וועלן ניט געדענקען.

און זיי געדענקען טאַקע ניט. און מיט אַ פאַלשער שורה היינט און אַ פאַלשער שורה מאָרגן, ווערן זיי ביסלעכווייז באַטויבט, אַזוי

ווי נאַרקאָטיקער ווערן פון קליינע דאָזעס גראַדנווייז באַרוישט און לסוף חרוב געמאַכט.

מיט ווערטער קען מען אַלץ מאַכן. אַ וואָרט איז אַ קליין בריה׳לע און אַ מענטש איז אַ גרויסער כח. אָבער „מיט ווערטער רעגירן מיר מענטשן״, האָט אַמאָל געזאָגט דיזראַעלי.

אָבער ניט אַלע מאָל קען אַ מענטש זיין אויף דער וואַך. מ׳רעדט זיך אַמאָל אַרויס ניט־ווילנדיק. לייענט די פאָלגנדיקע שטעל און משפּט אַליין: האָט ב. צ. גאָלדבערג דאָ ווילנדיק אָדער ניט־ווילנדיק זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ לינקן? אָבער לינק איז ער דאָך אויףביידע פיס!

ער שרייבט וועגן די קובאַנער געפאַנגענע וואָס זיינען אויסגע־לייזט געוואָרן פון קאַסטראָ׳ס הענט און זיינען געבראַכט געוואָרן קיין פלאָרידאַ. ער גיסט ניט אויס קיין צאָרן דערויף, וואָס זיין גרויסער רעוואָלוציאָנער און „באַפרייער״ האָט פאַרוואַנדלט מענטשן אין סחורה און האָט זיי פאַרקויפט פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל — עטלעכע און פופציק מיליאָן דאָלער אין מעדיקאַמענטן און שפּייז און באַרעס געלט און נאָך אַ לאַנגער דרשה מאַכט ער אַזאַ סך הכל:

„צוריק צו דעם וואָס עס איז געווען קען ער (קאַסטראָ) ניט גיין... ער קען גיין צוריק די לעצטע פּאַר טריט, וואו ער האָט נאַציאָנאַליזירט די קליינע קראָמען. דאָס הייסט אַ קליינעם סאָרט ,נעפּ׳. אָבער די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע סטרוקטור מוז בלייבן — און קיינער דאַרף דערויף ניט פאַרגיסן קיין טרערן״.

קיינער — אויסער די קובאַנער...

און מערקט דאָס אײדעלע וואָרט „סאָציאַליסטישע״ אָנשטאָט וואָס ס׳האָט געדאַרפט שטיין „קאָמוניסטישע״...

פידעל קאַסטראָ האָט אַליין אָפן און צולהכעיסדיק פּראָקלאַמירט, אַז ער איז שטענדיק געווען אַ קאָמוניסט און אַז ער האָט אין קובאַ איינגעפירט אַן אמתן קאָמוניסטישן רעזשים — מיט אַלע פּאָליצייאישע מעטאָדן און מיטלען וואָס צייכענען אויס די קאָמוניסטישע דיקטאַטורן אין אַלע אַנדערע לענדער. אָבער ביי גאָלדבערגן קומט עס אַרויס אַזוי ווייך און צאַרט: סאָציאַליסטישע סטרוקטור. און ער פירט אויס ווייטער זיין געדאַנק און זיין פּלאַן:

„און דאָ דאַרף אַמעריקע האַנדלען גרויסמוטיק... לאַטיין־אַמע־ריקע מוז גיין לינקס... איז בעסער פאַר אונדז און פאַר לאַטיין־אַמעריקע צו גיין צוזאַמען אין אַט דער ריכטונג, איידער מיר זאָלן

בלייבן שטעקן, און שפעטער אַרויסגעוואָרפן, מיט די קאָרופּטע רעאַקציאָנערע רעזשימען" („טאָג-מאָרגן זשורנאַל", דעצ. 27, 1962).

נון, ווער רעדט דאָ: אַ רעכטער בעל תשובה אָדער אַ „נאַסטאַיאַשטשער" לינקער?

פידעל קאַסטראָ האָט גאָר באַצייטנס, ווען די איצטיקע שורות ווערן געשריבן, אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די מאַסן אין די לאַטיין-אַמעריקאַנער לענדער, זיי זאָלן זיך אויפהייבן און מאַכן רעוואָלוציעס ביי זיך: דאָס מיינט ער דאָך, ב. צ. גאָלדבערג, „גיין לינקס", ניט אמת? און אַמעריקע זאָל נאָך העלפן מאַכן דידאָזיקע רעוואָלוציעס...

איך האָב אויבן דערמאָנט די עטלעכע און פופציק מיליאָן דאָלער אויסלייז-געלט וואָס קאַסטראָ האָט זיך דערנידעריקט צו פאָדערן פאַר די עלף הונדערט אינוואַזיע-געפאַנגענע, און וואָס אַמעריקע האָט זיך דערהויבן איבער איר כבוד און האָט באַצאָלט. אָבער ב. צ. גאָלדבערג, מיט זיין ברענענדיקן חוש פון גערעכטיקייט צו די לייט אויף דער לינקער זייט פון דער וועלט, און מיט זיין שאַרפן אויג פאַר די עוולות פון די „אימפּעריאַליסטן" אויף דער רעכטער זייט, האָט געכאַפּט אַמעריקע ביי דער האַנט ווי זי האָט אין דעמדאָזיקן מסחר אָפּגעפּויגלט מיט גראָשנדיקע פינף מיליאָן. און קומט זעט ווי אַזוי ב. צ. גאָלדבערג האָט דערשמעקט דעם שווינדל אין אַ פּראָסטן שטיקל חשבון:

„און שרעקט זיך ניט פאַרן ציפער פופציק מיליאָן דאָלער — שרייבט ער — עס באַטרעפט ניט קיין פינף מיליאָן אין אמת געלט. דער פּרייז איז געשטעלט ווערדליק עס קאָסט היינט אין קובאַנער קראָם — עס קלינגט שענער פאַר אַלעמען."

און צי דאַרף מען דערמאָנען דעם גרויסן טאַנץ וואָס ב. צ. האָט לכתחילה געטאַנצט אויף קאַסטראָ'ס רעוואָלוציאָנערער חתונה? ער האָט געטאַנצט גלייך ווי עס וואָלט געווען די חתונה ביי זיין ערשטן אייניקל. ער איז געפאָרן קיין האַוואַנאַ און האָט פון דאָרט דערנאָך געזונגען שירה איבער אַלץ וואָס קאַסטראָ האָט אָפּגעטאָן און „אויפגעטאָן", און האָט אָוועקגעשאַרט מיט דער האַנט דעם חורבן אויף יידן און יידישן לעבן וואָס דאָס האָט גורם געווען. ער האָט געבריי̆עט, אַז די יידן וועלן נאָך באַגליקט ווערן: זיי וועלן ריכטיק פּראָדוקטיוויזירט ווערן — אַזוי ווי פריער וואָלטן זיי געווען אומזיסטע פּרעסערס אין קובאַ. די יידישע קרבנות פון דעם קאַסטראָאיזם האָבן מיט ביטערקייט פאַרדאַמט אי זיינע קרום-אויגיקע באַריכטן, אי זיין קאַלט האַרץ אויף זייער חורבן.

אונדזער סוביעקט האָט זיך אויסגעלערנט צו באַהאַלטן זיין ליג־קיזם בעסער ווי אַמאָל, אָבער אַ קלאָרע אויג וועט עס הײַנט אויך דעשיפרירן אָן גרויסע שוועריגקייטן. אויב ער וואַרפט אַמאָל אַרויס אַ וואָרט פון קריטיק קעגן כרושטשעוון, האָט ער דערויף אַ הכשר טאַקע פון כרושטשעוון. אַזוי שרייבט ער: „פאַרוואָס קען כרושטשעוו אָנווייזן אויף פעלערן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיי דאָ (די פּראָ־סאָוועטישע עלעמענטן אין אַמעריקע) קענען ניט אויסהערן אַ וואָרט פון קריטיק אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד בנוגע דער באַהאַנדלונג פון יידן" („טאָג־מאָרגן זשורנאַל", מערץ 1, 1963).

יע, און וואָס טאַקע בנוגע דער באַהאַנדלונג פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד? אָט איז ב. צ. גאָלדבערגס אורטייל: „מען קען ניט זאָגן אַז דער קאַמפּיין קעגן עקאָנאָמישע פאַרברעכער איז געמיינט קעגן יידן, און מען קען אויך ניט זאָגן, אַז די יידן וואָס ווערן אַרעסטירט פאַר די פאַרברעכנס, ווערן אַרעסטירט צוליב דעם וואָס זיי זיינען יידן" (מערץ 25, 1963). ריכטיק אויף אַ האָר וואָס כרושטשעוו אַליין זאָגט. און דאָ קומט די קריטיק וואָס ב. צ. דערלויבט זיך, מיט כרושטשעווס דערלויבעניש:

„אָבער מען קען און מען מוז זאָגן — שרייבט ער — אַז דער אופן ווי די יידן ווערן אַרויסגעפירט אין אָט די פּראָצעסן, מוז פירן צו אַנטיסעמיטיזם" (דאָרט).

ער פאַרלאַנגט נאָר אַ ביסעלע ווייניקער אַנטי־יידישן „פּאַראַד" אַרום די „ספּעקולאַנטן"־פּראָצעסן, ווייטער איז אים אַלץ כשר און ניחא.

נון, אויפן סמך פון דעם אַלעמען, וואָס איז ב. צ.: לינק אָדער אַ בעל תשובה? צו מאַכן דעם ענטפער נאָך גרינגער, לאָמיר ציטירן די פאָלגנדיקע שטעל וועגן קאָמוניסטישן און קאַפּיטאַליסטישן אימ־פּעריאַליזם. ב. צ. רעדט וועגן כינע'ס אינוואַזיע אין אינדיע, און דער־מאָנענדיק אַז מאַאָ צע טונג איז אַן אמתער הונדערט פּראָצענטיקער מאַרקסיסט, שרייבט ער („טאָג־מאָרגן זשורנאַל", יאַנואַר 13, 1963):

„וואָס אַן אמתער קאָמוניסט זאָל ניט זיין און וואָס מען זאָל פון אים ניט קענען דערוואַרטן אין אינערלעכע זאַכן פון לאַנד קיין אימ־פּעריאַליסט פון אַלטן שניט — צו גיין מיט ביקס און פאַרכאַפּן באָדן"... דאָס ניט, אָ, ניין! סטאַלין און כרושטשעוו האָבן דאָך קיין פרעמדן שפּאַן ניט פאַרכאַפּט. און מאַאָ אַליין איז אַריין קיין אינדיע מיט ביקסן צו קלייבן סואווענירן־שטיינדלעך...

ווער זשע האָט אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול פון תשובה? קומט און איך וועל אייך ווייזן אַן אמתן קאָמוניסטישן בעל תשובה:

עס מעלדט זיך צו מיר אַ מאַן און זאָגט מיט אַ צעבראָכענעם קול: איך בין אַ שווערער חוטא, מר. ליבערמאַן, איך קום צו אייך מיט דער בקשה: גיט מיר אַ תשובה. איך האָב געזינדיקט מיט קאָמוניזם. מיט פערציק יאָר צוריק בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם „אָקטאָבער". איך וואָלט געגאַנגען צו אַ רב אָדער צו אַ רבין נאָך אַ תשובה, אָבער איר, חיים ליבערמאַן, זייט אויך ראוי אַרויס־צוגעבן אַ תשובה צו אַ צעבראָכענעם זינדיקן נפש. איך בין היינט 77 יאָר אַלט. איך בין שוין דריי יאָר בלינד. איך קען זיך ניט מוחל זיין וואָס איך האָב געדינט די עבודה זרה פון קרעמל. ס'איז מיר באו מים עד נפש. דאָרט זיצט אַ טאָרקוועמאַדאָ וואָס באָדט זיך אין יידיש בלוט. איך וויל אַרויפגיין אויף דער עמפּאַיר סטעיט בילדינג, איך זאָג אַרויפגיין, צו פוס, אַלע הונדערט און צוויי שטאָק פון דער געביידע, ניט אַרויפפאָרן, און דאָרט אויפן העכסטן שפּיץ זיך אַוועק־שטעלן און זיך שלאָגן על חטא פאַר דער גאַנצער וועלט, די גאַנצע וועלט זאָל זען מיין חרפה און מיין ווייטיק, און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זאָל מען מיך שלאָגן מלקות. איך בין בלינד. מען לייענט מיר אייערע אַרטיקלען, מ'האָט מיר געלייענט אייערע אַרטיקלען וועגן ב. צ. גאָלדבערגן אויך. ער האָט אויך אַ חלק אין מיין אומגליק, און ער האָט נאָך אַלץ קיין תשובה ניט געטאָן, ווי צו אים. פאַראַן אַ סך אַזעלכע אומגליקלעכע ווי איך, איידער זיי שטאַרבן זאָלן זיי תשובה טאָן. לאָמיר מחילה בעטן ביים יידישן פאָלק"... אַזוי האָב איך פאַרצייכנט פון זיין מויל, און ער האָט מיר אָנגערופן זיין נאָמען און געבעטן איך זאָל עס שרייבן אין זיין נאָמען ווי זיין תשובה. און ווען איך האָב אים געוואָרנט אַז מ'קען חלילה שלעכטס טאָן, האָט ער געענטפערט, אַז אים איז שוין אַלץ איינס, ער וויל אָפּקומען פאַר זיינע זינד.

בין אך ממלא זיין רצון, און דאָ איז זיין נאָמען: אליעזר האָפּענ־גאַרטען, 656 בוירק עוועניו, בראָנקס, ניו יאָרק.

נו, וועט ב. צ. גאָלדבערג זיך אָפּרופן אויפן געשריי פון זיינעם אַ קרבן?

צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, גיב איך דאָס וואָרט צום געוועזענעם רעדאַקטאָר פון „אידישען קעמפער", שלמה גראָדזענ־סקי. אין יענער צייט, ווען ס'איז אַרויס די ערשטע בייס וועגן דעם אַרעסט פון די יידישע שרייבערס אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען פאַר־שוואונדן פון דער סצענע און מ'האָט ניט געוואוסט גענוי וואו זיי זיינען אַהינגעקומען און וואָס ס'איז מיט זיי געשען, האָב איך גע־

שריבן אין „פאָרווערטס" (18טן מאַי, 1949) אַן אַרטיקל געווענדט צו ב. צ. גאָלדבערגן מיטן נאָמען „קין, וואו איז דיין ברודער?" אויף יענעם אַרטיקל האָט דער רעדאַקטאָר פון „אידישען קעמפער" רעאַגירט און האָט געשריבן אַזוי:

„חיים ליבערמאַן פרעגט ב. צ. גאָלדבערגן: 'וואו זיינען אַהינגעקומען דיינע פריינד אין סאָוועטישן גן עדן? קין, וואו איז דיין ברודער?'... חיים ליבערמאַן האָט באַזונדערע טענות צו מר. גאָלדבערגן. בעת איציק פעפער האָט (צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם שלמה מיכאָעלס) באַזוכט אַמעריקע מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דאָך ב. צ. גאָלדבערג געווען דער הויפּט אונטערפירער פון די סאָוועטישע געסט. ער איז דאָך בכלל געווען דער אַמעריקאַנער 'פעטער' פון די אַלע סאָוועטיש־אידישע שרייבערס... עס איז קיין פראַגע ניט, אַז חיים ליבערמאַן האָט זיין פראַגע (קין, וואו איז דיין ברודער?) געשיקט אויפן ריכטיקן אַדרעס. אָבער מען מעג זיכער זיין, אַז ער וועט קיין ענטפער ניט קריגן. יעדער איינער פון אונדז מעג ריזיקירן מיט דער נבואה, אַז אין דער נאָענטער צייט וועט מר. גאָלדבערג מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנען זיינע סאָוועטישע פריינד. ב. צ. גאָלדבערג, מעג מען פאָרויסזאָגן, וועט זיינע לייענערס אין די נאָענטע וואָכן אויפקלערן זיינע מיינונגען וועגן מפא״י און מפ״ם, וועגן מצוות מילה און — וועגן הערינג און ווינער שניצל, וועגן באַציאונגען צווישן אידעמס און שוויגערס, וועגן רדיפות אויף אַמעריקאַנער קאָמוניסטן און עקאָנאָמישע אויסזיכטן פון קליינע געשעפטסלייט אין דער סאָוט. ער וועט אָבער מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנען דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דעם נסתר און איציק פעפער. אויף דער פראַגע, וואו איז אַהינגעקומען זיין ברודער, ענטפערט קין קיינמאָל ניט. דערפאַר איז ער קין" („אידישער קעמפער", מאַי 27, 1949).

פאַלשע טרערן

דעם 12טן אויגוסט, 1962, איז געוואָרן צען יאָר זינט מען האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד אויסגעשאָסן די ווילכטיקסטע יידישע שרייבערס. דאָס איז געווען איין אַקט אין אַ לאַנגער פּראָגראַם, אין וועלכער עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן עטלעכע הונדערט יידישע גייסט־מענטשן, שרייבערס, אַקטיאָרן, קינסטלערס, אינטעלעקטואַלן, און ס׳איז ליקווי־דירט געוואָרן די גאַנצע יידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער רעליגיעזער יידישער קולטור, וואָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

די ערשטע יאָרן נאָך דער אויסשיסונג האָט מען ניט געוואוסט גענוי ווען די טראַגעדיע איז געשען. ערשט אין יאָר 1956 האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די טרויעריקע דאַטע איז געווען דעם 12טן אויגוסט, 1952. ס׳איז געווען לעאָן קרישטאַל, פאַרשטאָרבענער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, וועלכער האָט אויף אַ רייזע אין רוסלאַנד אין יאָר 1956 אויפגעדעקט דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער טראַגעדיע און די דאַטע פון די עקזעקוציעס. זינט דעמאָלט, ווען עס קומט דער 12טער אויגוסט, ווערט אין ברייטערע יידישע קרייזן אין דער גאַנצער וועלט אָפּגעהיט דער יאָרצייט. אין 1962, ווען עס האָט זיך אָפּגערונדיקט אַ קיילעכדיקער יאָרצענדליק פון דער אומגעהויערער קאַטאַסטראָפע, איז דער יאָרצייט געפּראַוועט געוואָרן נאָך מיט שווערערן אומעט ווי אַלעמאָל.

נאָך דעמדאָזיקן יאָר האָט זיך דער יאָרצייטט אויסגעצייכנט מיט צוויי אויסטערלישע מאָמענטן: די קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרייהייט״ האָט אויך געשטעלט אַ ליכטל נאָך די אומגעקומענע און האָט זיך געווישט די אויגן מיט גאַנצע דריי שמאַטקעס — דריי זייטן גע־ווידמעט די אומגעבראַכטע יידישע שעפערס פון פען און פּינדזל. און אַ לעמפּל האָט אויך אָנגעצונדן ב. צ. גאָלדבערג אין „טאָג־מאָרגען זשורנאַל״. ער האָט געדרוקט אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען וועגן דער טראַגעדיע און האָט דערציילט און דערציילט און דערציילט וואָס ער ווייס מעשה „אינווייניקסטער מענטש״...

דאָס באַווייזן זיך פון דידאַזיקע פאַרשווינען אויף דער טרויער־סצענע האָט געמוזט אויפרייסן אַ סך אויגן: אָט די חברה וואָס האָבן מיטביידע פיס געטאַנצט אין יענעם שדים־טאַנץ, וואָס האָט פאַר־טראָגן די יידישע קולטור אינאיינעם מיט אירע שעפערס אין וויסטן כף הקלע — ווי קומען זיי צווישן ערלעכע מענטשן מיט ערלעכן טרויער? „ווי קומט אַ כהן אויף אַ בית הקברות?" — וואָלט איך געפרעגט, אידיאָמאַטיש גערעדט, אָבער ווי נוצט מען דאָס כשר'ע וואָרט „כהן" אויף אַזעלכע וואָס דאַרפן זיך כשרן און כשרן און וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט דערכשרן?

אויף זיי איז דאָ אַן אַנדער משל. ביי אַ פרומען טאַטן האָט זיך אַמאָל געשמדט אַ זון. האָט דער טאַטע געטאָן וואָס אַן ערלעכער ייד דאַרף טאָן אין אַזאַ פאַל: ער האָט געריסן קריעה און זיך געזעצט שבעה: עלעהיי געשטאָרבן.

ערשט עס עפנט זיך די טיר און עס באַוויזט זיך דער זון.

— וואָס טוסטו דאָ, משומד? — איז דער טאַטע אויפגעשפרונגען.

ענטפערט דער משומד: — איך האָב געהערט אַז דו זיצסט שבעה, בין איך דיך געקומען מנחם אָבל זיין...

יע, עס זיינען דאָ אַזעלכע פערווערזע טיפן, וואָס דערמאָרדן און קומען אויף דער לוויה וויינען.

לאָמיר נאָכאַמאָל דורכגיין די עטאַפן פון יענער טראַגישער עפּאָכע און פון דאָרט קומען אַ קוק טאָן אויף אונדזערע פאַרשווינען ווי זיי וויינען מיט גליצערין־טרערן.

עס איז געווען אין יאָר 1948. אין אַ שיינעם טאָג, אין מאָסקווע, ווען מענטשן זיינען, ווי געוויינלעך, געקומען אין דער ביוראָ פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָבן זיי געפונען די ביוראָ פאַר־חתמעט פון דער פּאָליציי. גלייך דערויף האָט אויפגעהערט צו דער־שיינען די „איינגקייט", דער אָרגאַן פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. אין דער אייגענער צייט האָט זיך דער יידישער טעאַטער צוגעמאַכט. עס האָבן אויפגעהערט אָנצוקומען בריוו פון יידישע שרייבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד צו קאָלעגן און פריינד אין אַמעריקע. עס האָבן אָנגעהייבן דורכדריבלען באַריכטן וועגן אַרעסטן פון יידישע שרייבערס און קינסטלערס.

פאַרשטייט זיך, אַז די נייס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן גערודער אין דער פרעסע און פון דער פרעסע אין די טיפענישן פון פאָלק. נאָר ניט אין דער „פּראָגרעסיווער" פרעסע. די קאָמוניסטישע פרעסע,

און די מיטלויפער אין אַלע לעכער וואו זיי זיינען נאָר געלעגן פאַר־שטעקט, האָבן גענומען אויסלאַכן די גאַנצע זאַך: אַ ווילסטער בלבול פון די שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די קאָמוניסטן האָבן דורך די יאָרן אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלע טעכניק ווי אַזוי אָפּצושוואַכן דעם ערשטן „שאָק" פון אַ שלעכטער נייס וואָס פלעגט אויסברעכן אין סאָוועט־רוסלאַנד: זיי פלעגן אָנהייבן מיט לייקענען שטיין און ביין. זיי פלעגן זיך נעמען ביי די זייטן און מאַכן דעם גרויסן חוזק־געלעכטער פון די „שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד" וואָס זיינען שוין ווידער „דורכגעפאַלן" מיט אַ נאַרישן „בלבול". שפּעטער, ווען מען האָט שוין דאָס בייכל מער ניט געקענט באַהאַלטן, האָבן זיי אָנגעהייבן פאַררייַדן די ציין מיט אַלערליי תירוצים און פאַרדרייען די קעפּ מיט אַלערליי „טעאָריעס". די תירוצים און טעאָריעס האָט מען אַריינגעלייגט די קאָמוניסטן אין די מיילער, אַלע קאָמוניסטן ווי איין מויל, אַ מעכטיקער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט איז אַוועק אַ גאַנג, און וואו מען איז ניט געגאַנגען האָט מען נאָר געהערט דעם זעלביקן פּזמון. און אַזוי האָט מען דעם עולם פאַרשלאָגן די קעפּ. ביסלעכווייז האָט מען זיך „צוגעוואוינט", און די שרעקלעכע געשעעניש האָט פאַרלוירן איר שרעק, און ס'האָט ווידער גענומען הערשן גליק און פרידן אין דער בעסטער פון אַלע מעגלעכע וועלטן, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַזוי איז אויך געשען מיט דער קאַטאַסטראָפע מיט די יידישע שרייבערס. דאָס יידישע פאָלק אין דער גאָרער וועלט, דערונטער אין דעם גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט, אַמעריקע, איז אויפגע־טרייסלט געוואָרן ביז די פונדאַמענטן. קומענדיק נאָכן נאַצישן חורבן אויף יידן און דער יידישער קולטור — אַ קולטור־חורבן אויך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? די יידן אין דער וועלט האָבן געקענט אויפגעהויבן ווערן אין אַזאַ ווייגעשריי פון פּראָטעסט, אַז די מערדער־האַנט אין מאָסקווע וואָלט אפשר אַ ציטער געטאָן, און די לעבנס פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, נסתר און זייערע חברים אין טויט וואָלטן אפשר געראַטעוועט געוואָרן. אָבער דורך די גוט אויסדרעסירטע קאָמוניסטישע מאַנעווערס איז אַזאַ יידישער ווילן פאַראַליזירט געוואָרן.

און ב. צ. גאָלדבערג האָט צוגעטראָגן זיין חלק גיפט צו באַטויבן די נערוון און איינצושלעפערן דעם ווילן צו קומען צו הילף די ברידער אין דער גרויסער נויט.

די ערשטע זאַך וואָס ב. צ. גאָלדבערג האָט געטאָן איז געווען,

אַרויסצולאָזן אַ טעאָריע, וואָס איז געגאַנגען אַן ערך אַזוי: ס׳קען ניט זיין אַז סטאַלין זאָל פאַרמאַכן דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט אַזוי גוט געדינט און גענוצט אין צייט פון דער מלחמה. נאָר איצט אַז דער פאַשיזם איז שוין באַזיגט און ליקווידירט געוואָרן, וואָס פאַר אַ זין האָט עס אָנצוהאַלטן אַן „אַנטי־פאַשיסטישן" קאָמיטעט? גייט מען דאָרט אוודאי דעם קאָמיטעט איבערגרופּירן און אים געבן אַנדערע פונקציעס, דאָס איז אַלץ...

און אַז ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט און די דאָזיקע טעאָריע האָט זיך ניט באַשטעטיקט, און עס האָבן זיך ניט געוויזן קיין שום סימנים אַז זי זאָל האָבן עפּעס אַ יסוד אין דערווירקלעכקייט, איז ב. צ. גאָלד־בערג אַרויס מיט אַן אַנדער טעאָריע. אין זיין קאָלום אין „טאָג" פון 15טן יוני, 1949, שרייבט ער וועגן דער באַרימטער רעדע וואָס וויב־סטאָן טשוירטשיל האָט געהאַלטן אין פולטאָן, מיזורי, וואו ער האָט אַנאַליזירט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז רוסלאַנד פירט אַ „קאַלטן קריג", און האָט צום ערשטן מאָל געלאָזט פאַלן דעם אויסדרוק „אייזערנער פאָרהאַנג". שרייבט ב. צ. גאָלדבערג וועגן טשוירטשיל׳ס רעדע און זאָגט:

„און גלייך נאָך יענער רעדע האָבן גענומען בלאָזן נייע ווינטן אין מאָסקווע. מען האָט זיך אָנגעהויבן דערוויטערן פון מערב ווי פון אַ פּאָטענציעלן שונא און איך האָב מורא, אַז דער גורל פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט איז אַנטשידן געוואָרן פון טשוירטשיל׳ס רעדע"...

אָט דאָ האָט איר אַ טיפּישע „פּראָגרעסיווע" (מ׳טאָר ניט זאָגן: „קאָמוניסטישע") שטיק שמד־שטיק; דאָ ווערט שוין צווישן די צייַן צוגעגעבן, אַז עפּעס מוז טאַקע זיין ניט גלאַט מיטן יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע; נאָר אויב יע, איז ניט סטאַלין שולדיק, נאָר טשוירטשיל.

נאָר יידישער צער און צאָרן האָבן זיך אַלץ ניט געשטילט, און אַ שטיקל צייט שפּעטער, אין נאָוועמבער, 1949, האָט דערזעלביקער פּען־אַקראָבאַט געשריבן:

„אַוודאי וואָלט איך געוואָלט הערן, וואָס עס טוען היינט די יידישע שרייבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען געווען גרופּירט אַרום דער ׳אייניקייט׳ און פאַרלאַג ׳עמעס׳. אָבער איך האָב ניט קיין גרונט צו גלויבן אַז מיט זיי האָט עפּעס פּאַסירט — אַפילו ניומאַן פון ׳העראַלד טריביון׳, וואָס גיט איבער אַלע רכילותן, דערמאָנט ניט קיין

אַרעסטן פון יידישע שרייבערס — און איך קען ניט פֿאָדערן פון דער סאָוועטישער רעגירונג זי זאָל קומען און אַפּלייקענען, באַווייזן, אַז זי האָט ניט געגנבֿט...; זי האָט גרעסערע ליגנס אָפּצולייקענען און לייקנט ניט אָפּ, מחמת זי וויל ניט נאָכלויפֿן אַלע ליגנער און לייקענען"...

לייענט איבער, ליבער לעזער, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און טאַקע נאָך אַ מאָל, דידאָזיקע עטלעכע שורות, און ציילט איבער וויפֿל דריידלאַך עס זיינען דאָ איינגעפּלאָנטערט איינס אין אַנדערן און זעט ווי מ'האָט כלאָראָפֿאָרמירט קעפּ זיי זאָלן ניט באַגרייפֿן דעם אמת, און פֿאַרבלענדט אויגן זיי זאָלן ניט דורכבליקן די ליגנס. ממש ווי אַן אָדלער מיט די פֿליגל אויסגעשפּרייט צו באַשיצן זיין נעסט, פֿלאַטערט ב. צ. גאָלדבערג מיט זיין הינערשער פֿעדער איבערן קרעמל, צו וואַכן איבער סטאַלינ'עץ. און טאָמער קען נאָך הייגט־מאָרגן „ביומאַן פֿון העראָלד־טריביון" אַ קעיבל טאָן פֿון מאָסקווע, אַז די יידישע שרייבערס זיינען טאַקע אַרעסטירט, ווערט ער שוין באַצייטנס דיסקרעדיטירט ווי אַ רכילות־טרייבער.

און טראַכט זיך אַריין אין דעם זאָג: „זי (די סאָוועטישע רעגירונג) האָט גרעסערע ליגנס אָפּצולייקענען און לייקנט ניט אָפּ" — ביי ב. צ. גאָלדבערגן איז די דערמאָרדונג פֿון די יידישע שרייבערס און די ליקווידאַציע פֿון דער יידישער קולטור נאָך ניט געוועזן פֿון די וויכטיקסטע „ליגנס"...

אָבער עולם האָט ניט אויפֿגעהערט צו זאָרגן און פֿרעגן: אויב זיי זיינען ניט אַרעסטירט, פֿאַרוואָס קומט כאָטש ניט אַן קיין בריוו פֿון עמיצן פֿון זיי?

דערויף האָט ב. צ. גאָלדבערג אויך געהאָט אַ ליו־ליו לידעלע. „אַוודאי — שרייבט ער דאָרט — וואָלט איך געוואָלט זען בריוו פֿון יענע שרייבערס, וואָס זאָלן אומדירעקט אָפּלייקענען די ליגנס וועגן זיי. אָבער איך קען פֿאַרשטיין, אַז אַ בריוו פֿון אַ סתם בירגער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צו אַ קרוב אין אויסלאַנד איז איין זאַך, און אַ בריוו פֿון אַ מענטשן וועמעס נאָמען פֿיגורירט אין דעם קאַמפּעין פֿון 'קאַלטן קריג' איז שוין עפּעס אַנדערש".

האָט דער נאָמען פֿון בערגלסאָן, אָדער מאַרקיש, אָדער נסתּר פֿיגורירט אין דעם קאַלטן קריג? וואָס איז עס — אַ פּתחון פּה פֿאַר סטאַלינען?

און ער ענדיקט יענע מייסטערשטיק פֿון אַ שמד־שטיק אַזוי: „די

גאַנצע היסטעריקע (מאָלט אייך: „היסטעריקע״! — ל.) אַרום די כלומרשט („כלומרשט״!) אַרעסטירטע יידישע שרייבערס, וועמען מען איז שוין דאָ אַפילו מקבר, איז ניט אויפריכטיק, ניט צו דער זאַך״...

אויפריכטיק איז נאָר געווען ער, ב. צ. גאָלדבערג. אמת, דעמאָלט, אין 1949, האָבן די אַרעסטירטע שרייבערס נאָך געלעבט. מ׳האָט זיי נאָך ניט געדאַרפט „מקבר זיין״. דער לעצטער גזר איז נאָך ניט געווען געפאַלן. געווען נאָך אפשר מעגלעך אָפּצושרייען די גזירה. נאָר די פּ. נאָוויקס און ב. צ. גאָלדבערגס האָבן ניט געלאָזט שרייען...

און היינט קומען זיי, ווי די פּערוועזרן, פּראַווען יאָרצייט נאָך זיי...

ריכטערס און פאַרברעכערס

ווען יידן יאָר־יערלעך היטן אָפּ דעם יאָרצייט נאָך די אויסגע־מאָרדעטע יידישע שרייבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז עס ניט נאָר כדי צו האַלטן זייער אָנדענק גרין אין זכרון פון פאָלק, אָדער אויס־צודריקן דעם צער און פראָטעסט אויף דער גרויסער טראַגעדיע — דאָס יע, אוודאי; נאָר ס׳איז דערביי דאָ נאָך אַ גרויסער עיקר: צו מאַניפעסטירן די פאָדערונג, אַז די סאָוועטישע מאַכט זאָל אָראָפּנעמען דעם גזר פון טויט וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער שפּראַך און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זי זאָל דערלאָזן צוריק יידישע צייטונגען, יידיש טעאַטער, יידישע שולעס, רעליגיעזע איב־סטיטוציעס, ישיבות, און אויסגלייכן יידן אין זייערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע רעכט מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ס׳איז אַ מאַניפעסטאַציע וואָס שליידערט צוריק ווי אַ ליגן די טענה פון כרושטשעוו, אַז די רוסישע יידן זיינען שוין פולשטענדיק אַסימילירט און ס׳איז מער ניטאָ קיין נויט און קיין נוץ פאַר יידיש און פאַר די פאָדערונגען פון יידישקייט.

דאָס איז געווען דער טיפערער און פייערלעכער זין פון די רעדעס און שרייבעריי אַרום דעם צען־יאָריקן יאָרצייט, דעם 12טן אויגוסט, 1962.

אין דעם דאָזיקן טאָן איז ב. צ. גאָלדבערג אויך אַריין אין זיין סעריע אַרטיקלען וועגן די שרייבער־אָפּפער. דעם דאָזיקן קדיש האָט ער אויך געזאָגט. און גאַנץ הויך אויפן קול. אויב ניט נאָך העכער...

נאָר זייט ניט איבערראַשט, אַזוי ווי איך בין ניט איבערראַשט, ווען איך וועל אייך זאָגן, זאָגן און אויך ווייזן, אַז נאָך לאַנג־לאַנג איידער כרושטשעוו האָט אַרויסגעזאָגט זיין טויטלעכן פּסק און פּסוק, האָט ב. צ. גאָלדבערג דעמזעלביקן פּסוק פאָרגעטראָגן און פאַרקינדיקט. ניטאָ מער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין יידיש — האָט ער געבראַכט אַ באַריכט — און ניטאָ דאָרט קיינער מער וואָס דאַרף נאָך יידישקייט, האָט ער צעקלונגען אַ שוואַרצע בשורה.

און געווען איז עס אַזוי ווייט צוריק ווי יאָר 1946. צווישן 1946

און 1962 האָבן מיר אַ קיימא־לן פון זעכצן יאָר. מיט גאַנצע זעכצן יאָר פאַרלאָפן כרושטשעוון דעם וועג...

אַ מענטש מיט אַ ווייטן קוק, מ׳קען ניט לייקענען...

„דאָ — שרייבט ער אין אין קאָרעספּאָנדענץ פון אָדעס — ריידן די יידן ניט, און דיסקוטירן ניט, און חקירהן זיך ניט. דער גאַנצער ענין יידישקייט גייט זיי אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי״ („טאָג״, אויגוסט 21, 1946).

אַ שורה, וואָס ווען כרושטשעוו באַגעגנט ב. צ. גאָלדבערגן, וואָלט ער אים פאַר איר שטאַרק אַרומגענומען, געדריקט צום האַרצן מיט זיין בערישן דרוק און געקושט אין די באַקן.

וואָרים ס׳איז דען אויסצומעסטן די געמיינקייט, גראָבקייט און ליגנערישקייט וואָס אין דערדאָזיקער קורצער שורה? געוויס האָבן יידן ניט גערעדט, ניט דיסקוטירט, זיך ניט געחקירהט, באַזונדערס ניט אין ב. צ. גאָלדבערג׳ס אָנוועזנקייט. ווייל מ׳האָט זיי פאַרשנירע־וועט די האַלדז. מ׳האָט זיי אויסגעשניטן די צונג. נאָך היינט איז דאָרט געפערלעך צו ריידן, בפרט דעמאָלט, ביים שפּיץ פון סטאַ־ליניסטישן טעראָר. און ווידער דער איידעלער דער זאָג מיטן „פאַראַיאָריקן שניי״ אויף דער שיעור ניט פאַרצוקטער יידישקייט, וואָס בלוט איז איר נאָך גערונען פון אַלע איברים, דאָרט פאַר זיינע אויגן.

וואָרים געוועזן איז עס, געדענקט, אין 1946. נאָך קיין יאָר ניט זינט דעם אָפּשלוס פון דער מלחמה. ער איז געווען דער ערשטער, און אַ לאַנגע צייט דער איינציקער יידישער שרייבער וואָס איז אַריין קיין רוסלאַנד קורץ נאָכדעם ווי די שיסעריי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די פראָנטן. אַ גרויסע זכיה געהאַט. ביי מאָסקווע, ניט ביי גאָט. וואָרים פון מאָסקווע־וועגן האָט ער, דעמאָלט און דאָרט, געלעסטערט גאָטס פאָלק.

ער איז אַריין קיין רוסלאַנד גלייך נאָך די לעצטע פּוסטריט פון די נאַציס. ער איז אַריין אין סאַמע האַרצן, דעם צעבראָכענעם האַרצן פון יידישן חורבן. ער איז אַריין אין דעם סאַמע אַש פון פאַרברענטן יידישן פאָלק. דער נביא האָט אין „איכה״ ניט געזען קיין גרעסערן פּיין ווי ס׳איז געווען דאָ צו זען און צו פאַרנעמען. און אונדזער סוביעקט, ב. צ. גאָלדבערג, האָט געדאַרפט געווען אויסוויינען אַ געוויין און אויסיאָמערן אַ יאָמער וואָס זאָלן הימל און ערד צעשמעטערן.

אָבער ניט ער, ניט ב. צ. גאָלדבערג. ער האָט גאָר אַן אַנדער גאַנג געהאַט. זיצנדיק אויף די חורבות פון יידישן קיעוו שרייבט ער זיך געמיטלעך פון דאָרט: „ניטאָ קיין יידישער יריד אין קיעוו״.

און וואָס מיינט ביי אים „יידישער יריד״? ער דערקלערט עס גאַנץ אויספירלעך: „קיין ספּעציעלע געגענטן פון יידישע וואוינונגען זיינען ניטאָ. קיין ספּעציעלע יידישע מלאכות, פּרנסות זיינען ניטאָ. קיין ספּעציעלער יידישער שפּיטאָל איז ניטאָ. קיין מושב זקנים איז ניטאָ. קיין ספּעציעלער יידישער קלוב איז ניטאָ. קיין ספּעציעלע פּאַרטייען זיינען ניטאָ. קיין ספּעציעלע יידישע צדקה גדולה איז ניטאָ. קיין ספּעציעלער יידישער חינוך איז ניטאָ. ניטאָ און ניטאָ, רק ניטאָ! און אַזוי איז ניט געווען קיין יידישער יריד אין קיעוו. „און דעם אמת געזאָגט — שרייבט ער — מיר, דעם אויסלענדישן יידן, איז געווען אַ ביסעלע לאַנגווייליק אָן יידישן יריד״.

דאָס איז אַלץ וואָס אים איז געווען צווישן די אַשן פונעם חורבן: לאַנגווייליק.

אין דער קיעוו פון באַבי יאַר!

ס׳איז שוין דעמאָלט געווען די סאָוועטישע פּאָליטיק, נישט אויס־צוטיילן די יידישע נאַצי־קרבנות באַזונדער, נאָר זיי לאָזן אַנגראָ זיך קאָכן אין אַלגעמיינעם טאָפּ, און ב. צ. גאָלדבערג ווי דער געטרייער דינער פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק, האָט פּאַרשוויגן די טראַגעדיע באַבי יאַר. און אַזוי איז דער זכות אויסצוקלאָגן די דאָזיקע טראַגעדיע פאַר דער וועלט און פאַר די דורות צוגענומען געוואָרן פון דעם יידן ב. צ. גאָלדבערגן און איז צוגעפאַלן דעם ערלעכן גוי יעווגעני יעוו־טושענקאָ.

נאָך מער ווי ייד, איז יידישקייט געלעגן חרב אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. לויט ב. צ. גאָלדבערג׳ס באַריכטן. גאַנצע בערג האָט ער אָנגע־שריבן פון זיין רייזע, און דער קורצער סך־הכל פון זיינע לאַנגע רייד איז געווען, אַז ס׳איז ניטאָ מער קיין רוסיש יידנטום. ווידעראַמאָל טאַקע ווי כרושטשעוו טענהט היינט. נאָך דעמאָלט, מיט זעכצן יאָר צוריק, האָט שוין ב. צ. גאָלדבערג באַשטעטיקט כרושטשעוון פון היינט: אַן אמתער „זעער״...

ניטאָ מער קיין סימן פון יידיש לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ער באַריכטעט. ניט קיין געזעלשאַפטלעך לעבן, ניט קיין קהילה לעבן, ניטאָ קיין פירערס, ניטאָ קיין יידישער לוח, ניטאָ קיין סידור, ניטאָ קיין טלית, ניטאָ קיין יידישע געגנטן, ניטאָ קיין דיסקוסיעס פון יידישע פראַגן, ניטאָ קיין יידישע דערציאונג, קיין קינדער־שול, קיין חדר, קיין ישיבה, ניטאָ און ניטאָ און ניטאָ! וואו ניט וואו האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט עטלעכע יידן פון אַלטן דור, וואָס טאַפּטשען

זיך אין אַן אַלטער שול מיט קוים אַ מנין. אָבער ס'איז אַלץ צאַנקנ־דיקע ליכט.

און ווען ב. צ. גאָלדבערג האָט דאָס אַלץ געזען, האָט ער געקענט ווערן דער אויסשרייער פון דעם גרויסן ווייטיק, די שטים פון דעם גוסן פאָלק. צענדליקער יאָרן זיינען די יידן אין רוסלאַנד געהאַלטן געוואָרן מיט אַ שלאָס אויפן מויל, און דאָ איז אים געגעבן געוואָרן די היסטאָרישע מעגלעכקייט, דער וואונדערלעכער זכות, צו ווערן דאָס וואָרט פון דער פאַרשטומטער יידישער צונג אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. ער האָט געקענט פרעגן דעם נביאס פראַגע: ווער האָט צערויבט יעקבן און צעפּלינדערט ישראלן?!

ער האָט געפרעגט און פאַרענטפערט, אָבער ניט אין נוסח פון דעם נביא, נאָר פון דעם שטן מקטרג.

ניט די רשעותדיקע קאָמוניסטישע דיקטאַטור איז שולדיק: ס'איז די שולד, נייך, דער פאַרלאַנג פון יידן אַליין, האָט גאָלדבערג גע־פסקנט.

מיר האָבן שוין געזען וואָס ער האָט געשריבן וועגן אַ לוח.

ס'איז געוועזן שווא ושקר, אַז די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן מער ניט געוואָלט זאָרגן וועגן אַ לוח. מיר ווייסן היינט, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ געשריבענעם לוח, וואָס איז אונטערערדיש געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. ווי האָבן דריי מיליאָן יידן דען געקענט לעבן און ניט וויסן פון ראש חודש, פון יום־טוב, פון דער צייט פון ליכט־בענטשן? קיין ליכט האָבן זיי ניט געהאַט, בענטשן האָט מען זיי ניט געלאָזט, אָבער ווייניקסטנס די צייט פון ליכט-בענטשן האָבן זיי אָפּגעהיט!

איך ציטיר דאָ נאָך אַ מאָל אַ פּאָר שורות וואָס זיינען שוין פריער ציטירט געוואָרן; מ'דאַרף ניט מיד ווערן צו דערמאָנען דעם שענדער זיין שאַנד:

„דער מיניסטער פון רעליגיעזע ענינים האָט מיר אָפן געזאָגט — שרייבט ער דאָרטן אין איין אָרט אַן חרפה — ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן יידישע רעליגיעזע ענינים, ווי אַ ישיבה, דרוק־ספרים און דאָס גלייכן: איך קען עס דאָך ניט מאַכן פאַר די יידן. די יידן מוזן עס דאָך אַליין טאָן”.

סטאַלין, הייסט עס, האָט געוואָלט געבן ישיבות, ספרים, נאָר די יידן האָבן עס מער ניט געוואָלט האָבן: שטן, גיי צו ב. צ. גאָלד־בערגן און לערן זיך שעלמעריי!

אין אמתן האָבן יידן אין יענער צייט זייערע לעבנס איינגעשטעלט

מיט ישיבות אין פינצטערע קעלערן. פאַר חלבנע ליכטלעך אין קעלערן האָט מען געלערנט. אין קעלערן אונטער דער ערד האָט מען געגעבן סמיכה, פרעגט די ליובאַוויטשער...

אָט אַזוי האָט אַ געפּיללאָזער, נשמהלאָזער, געוויסנלאָזער פּען־דרייער זיך געשפּילט מיט יידישן פאָלקס־גורל אַזוי ווי אַ יינגל מיט אַ האַמער צווישן גלאָזוואַרג.

און איצט, צום יאָרצייט, איז ער געקומען באַוויינען די שרייבערס־מאַרטירערס וואָס ער האָט געהאָלפן אומברענגען, און פאָדערט ביי כרושטשעוון לעבן פאַר דער יידישער קולטור וואָס ער האָט מיט פּאָמפּע שוין לאַנג אַליין באַשטאַט.

פאַרטיק מיט זיין קריגעלע גליצערין־טרערן — זיין סעריע אַר־טיקלען — אויף די אומגעבראַכטע סאָוועטישע יידישע שרייבערס, קריכט ב. צ. גאָלדבערג לסוף אַרויף אויף אַ הויכער ריכטער־שטול און פּסקנט אָפּ וועגן זייער חלק עולם הבא. ער זעצט זיי אַוועק לעבן די עשרה הרוגי מלכות אין דער יידישער געשיכטע, און נעמט זיי אַריין ווי גלייכע צו גלייכע אין די רייען פון דער יידישער ליטעראַטור, טראָץ זייער פאַרריסענער ווידערשפּעניקייט קעגן יידן און יידישקייט.

דאַרף מען זאָגן ב. צ. גאָלדבערגן: עס קען ניט זיין קיין ריכטער דער וואָס דאַרף אַליין זיצן אויף דער פאַרברעכער־באַנק.

פון המנ׳ס צד

אונדזערע יידישע קאָמוניסטן איז שטענדיק גוט.

ווען סטאַלין איז געווען גאָט, איז זיי געווען גוט. היינט אַז סטאַלין איז אַ וואָרים, איז זיי אויך גוט.

ווען סטאַלין איז געווען קעגן היטלערן, איז זיי געווען גוט. און אַז סטאַלין האָט געמאַכט יד אחת מיט היטלערן, איז זיי אויך געווען גוט.

אַז סטאַלין איז געווען קעגן ציוניזם, איז זיי געווען גוט. און אַז סטאַלין האָט געשטימט פאַרן ציוניזם, איז זיי אויך געווען גוט.

אַז סטאַלין האָט אָנערקענט מדינת ישראל, איז זיי געווען גוט. און אַז כרושטשעוו איז גרייט צו צעברעכן מדינת ישראל איז זיי אויך גוט.

איז ווען די יידישע קאָמוניסטן וואָלטן געווען ערגעץ אין די הרי חושך, וואָלט אונדז געווען גוט. זיינען זיי אָבער דאָ וואו מיר זיינען, איז זיי ווידער גוט.

צווישן יידישע צרות איז זיי גוט. אויף יידישע לוויות קומען זיי, און אויך דאָרט איז זיי גוט.

צו וואָס און צו וועמען איז דאָס געגליכן? צו יענעם אפיקורס וואָס האָט זיך נאָר געפירט קידער־ווידער מיט די יידן אין שטעטל. שבת פלעגט ער אַרומגיין איבער די גאַסן און רויכערן. פסח פלעגט ער אָפן גיין עסן אין אַ גויאישער קאָרטשמע. יום כיפור פלעגט ער לאָזן גיין אַ שטאַרקן רויך פון זיין קוימען. נאָר פורים פלעגט ער איבערקערן זיין קידער־ווידער. פורים פלעגט ער דווקא קומען אין שול אַריין צו דער מגילה. דאָס איינציקע מאָל אין יאָר וואָס ער פלעגט זיך ווייזן אין שול.

און אַז מ׳פלעגט אים פרעגן: ס׳טייטש? פלעגט ער ענטפערן: איך בין פון המנ׳ס צד...

אָט דאָס איז אויך דער סוד מיט די יידישע קאָמוניסטן: זיי זיינען פון המנ׳ס צד.

און פון המנ׳ס צד זיינען זיי אויך געווען אויפן גרויסן צענטן

יאָרצייט נאָך די אומגעבראַכטע סאָוועטישע יידישע שרייבערס זונטיק, דעם 12טן אויגוסט, 1962, אין ניו יאָרק.

דאָ איז זיי אויך גוט געווען. ווען די סאָוועטישע יידישע שרייבערס האָבן געלעבט איז אונדזערע קאָמוניסטן געווען גוט ווי די וועלט; ווער איז גאָר געווען גלייך צו זיי? און דאָ, צען יאָר נאָך זייער טראַגישן אומקום, זיינען זיי צו דער לויה אויך געקומען מיט אַ „ניטשעווא", ס׳גייט גוט!...

אָנשטאָט לאָזן יידן פונאַנדערוויקלען די גרויסע סאָוועטישע טרויער־מגילה און זי איבערלייענען פון אָנהייב ביזן סוף, מיטן ריכטיקן טייטש און אמתן פירוש — די גוואַלט־פאַרשטויסונג אין תהום פון אַסימילאַציע פאַר דריי מיליאָן יידן — זיינען זיי געקומען יום־טובדיק אויסגעפוצט, און אָנשטאָט טרערן אין זייערע אויגן האָבן זיי געגומען שיטן זאַמד אין אונדזערע. די „מאָרגן־פרייהייט" פון יענעם טאָג ווידמעט אַ גרויסן לייט־אַרטיקל דעם יאָרצייט, וואו עס ווערט געבראַכט די ליכטיקע בשורה, אַז „אויפן געביט פון דער יידישער קולטור איז פאַראַן אַ טרייסט אין אַ גאָר באַדייטנדיקער מאָס. דאָ האָט זיך היפּש אַ רוק געטאָן פאָרויס אויף פיל געביטן, ספּעציעל ווען מען נעמט אין אַכט די אַנטוויקלונגען אין משך פון לעצטן יאָר, דאָס דערשיינען פון דעם באמת אויסגעבענקטן זשורנאַל ׳סאָוועטיש היימלאַנד׳."

זי האָט געוואָלט, די „מאָרגן־פרייהייט", פאַרשיטן די אויגן מיט זאַמד, נאָר מער ווי עטלעכע קאַרגע זעמדעלעך האָט זי נעבעך ניט געקענט צוזאַמענשאַרן: אָבער „סאָוועטיש היימלאַנד" און ווידער „סאָוועטיש היימלאַנד"! דאָ איז אונטערגעגאַנגען אַ קולטור, אַ גאַנצע יידישע ציוויליזאַציע איז אומגעבראַכט געוואָרן, און זיי שטופּן אַ גרויסן היסטאָרישן וועלט־פאַלק אַ זשורנאַלכל אין האַלדז אַריין, און דאָס זאָל פאַרענטפערן, פאַרגיטיקן, פאַרהיילן. אַפילו פעלקער וואָס ערשט די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַן אלף־בית פאַר זיי דערפונדן, האָבן דאָך היינט דאָרט מער ווי די יידן האָבן דאָרט.

ממש אויף די פינגער קען מען איבערציילן די עטלעכע זעמדלעך. דער זשורנאַל איז איין זעמדעלע, „דריי ביכער פון דריי קלאַסיקער אָפּגעדרוקט אין יידיש" דערמאָנט די „מאָרגן־פרייהייט", איז שוין פיר זעמדעלעך; „יידישע קאָנצערטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען", האָבן מיר שוין זעקס זעמדעלעך; שלום אַש און חיים נחמן ביאַליק דערמאָנט אין דער נייעסטער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע — נאָך צוויי זעמדעלעך, האָבן מיר שוין אַכט זעמדעלעך. אפשר נאָך אַ צוויי-דריי זעמדעלעך, וואָס איך האָב דורכגעלאָזט. נו, קען מען מיט צען־צוועלף

זעמדעלעך פאַרשיטן די פון פחד צעעפנטע אויגן פון אַ וועלט, וואָס שטייט און שטוינט, זעענדיק ווי אַזוי אַן אַלט קולטור־פאָלק ווערט לאַנגזאַם דערשטיקט און דערוואָרגן?

די קאָמוניסטן האָבן אַ סך טריקס אין זייער ביטל ווי אַזוי צו פאַרבלענדן און באַטויבן דעם עולם. איין טריק איז ספּעציעל אַנגע־פּאַסט פאַר יידן. עפּעס אַ צרה אויף די רוסישע יידן וועלן זיי זוכן אויסצובריטן און פאַראַלגעמיינערן. דעמדאָזיקן טריק ווענדן זיי אויך אַן בנוגע דער אויסמאָרדונג פון די יידישע שרייבערס. „די פאַרברעכנס קעגן דער יידישער קולטור און אירע שאַפערס — שרייבט די „מאָרגן־פרייהייט" אין איר לייט־אַרטיקל — זיינען געווען אַ טייל פון אַ גרויסער צאָל פאַרברעכנס... קעגן כמעט אַלע פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד... רוסישע און אַנדערע שרייבערס און קונסט־טוערס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן"... און אין אַן אַרטיקל נאָך אַ מאָסקווער באַזוך פון י. גערשמאַן, אויך דעם 12טן אויגוסט, ווערט אויך גערעדט וועגן „שרייבערס און קולטור־טוערס פון אַלע סאָוועטישע נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן, די אומזיסט־אומגעבראַכטע דורך דער בעריאַ־באַנדע" . . .

דער קאָמוניסטישער פּזמון רעדט זיך אַראָפּ גרינג און גלאַט און גייט אַריין ווי אַ שמערצלאָזע איינשפּריצונג אונטער דער הויט און פאַרשלעפערט. אמת, שרייבערס און גייסט־מענטשן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן לרוב אויך ביי אַנדערע סאָוועטישע פעלקער, אָבער דאָ ענ־דיקט זיך דער פאַרגלייך און עס הייבט זיך אָן דער פאַרדריי, דער פאַרדריי צום יידישן גיהנום: דאָרט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן צאָלן שרייבערס און קינסטלערס, אָבער נאָך זיי האָט מען ניט אָפּ־געשטעלט זייערע פּרעסעס, ניט צוגעמאַכט זייערע קינדער־שולעס, ניט פאַרשלאָסן זייערע טעאַטערס, ניט געלייגט קיין חרם אויף זייערע אלף־ביתן, ניט גוזר געווען קיין טויט אויף זייערע שפּראַכן; דאָ, ביי די יידן, זיינען ניט אומגעבראַכט געוואָרן אַזוי פיל און אַזוי פיל שרייבערס: דאָ איז אומגעבראַכט געוואָרן דער גאַנצער מין יידישע שרייבערס, די פּאַראַדע, דער גענוס. דאָ איז נגזר געוואָרן טויט אויף דער שפּראַך גופא און אויף איר אלף־בית, און אויף אַלע פונקציעס וואָס אַ שפּראַך באַדינט: צייטונגען, ליטעראַטור, קינדער־אונטערריכט.

ס'איז אַ ביסל אַ חילוק. עס קענען ניט זען קיין חילוק בלויז די וואָס זיינען — פון המנס צד.

מיר האָבן אין אַ פריערדיקן אַרטיקל געזען ווי אַזוי די היגע קאָמוניסטן, און די קאָמוניסטן אין אַנדערע לענדער, האָבן ניט

געלאָזט פּראָטעסטירן און ווען די יידישע שרייבערס זייַנען ערשט אַרעסטירט געווען, און דערמיט אפשר פאַרהאַלפן צו זייער טויט. אַצינד טוען זיי דיזעלבע זאַך, שפּילן דעם זעלבן טריק. מיט פּראָטעסטירן און פאָדערן וואָלט מען אפשר געקענט ווירקן אויף מאָסקווע זי זאָל עפענען אַ פינגער אָדער צוויי פון איר אייזערנער האַנט אויפן יידישן האַלדז. אָבער די קאָמוניסטן לאָזן ווידער ניט שרייען. אַזוי, למשל, שרייבט דער זעלבער י. גערשמאַן: „דאָס וואָס עס ווערט געטאָן אויף דעם געביט... ווערט ניט געטאָן צוליב אימיצנס 'דרוק', זיכער ניט צוליב דעם אַזוי־גערופענעם 'דרוק' פון די פאַלשע קלאָגמוטערס אין דער יידישער הפקר־פּרעסע פון 'מערב', אָדער פון די פאַרלוימדער אין שפּיץ פון דער יידישער רעאַקציע אין אויסלאַנד".

הערט נאָר הערט: די יידישע פּרעסע פון „מערב" וואָס האָט אַלע יאָרן, אַלע, אַפילו די ראָמאַנטישסטע און בעסטע סאָוועטישע יאָרן, גענוי ווי אַ סייסמאָגראַף פאַרצייכנט די אונטערערדישע אויפרייסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; די יידישע פּרעסע פון „מערב", וואָס האָט מיט לאַנגע יאָרן צוריק געזאָגט יענע אמתן, וואָס די קאָמוניסטישע פּרעסע היינט ברעכט אויס מיט גרינער גאַל; די יידישע פּרעסע פון „מערב", וואָס אָפטמאָל טראַכט איך אַז כרושטשעוו, ווען ער האָט אויפן 20סטן און 22סטן קאָנגרעס אין מאָסקווע אויפגעדעקט סטאַלינ'ס פאַרברעכנס, האָט ער זיינע מאַטעריאַלן גאָר גענומען פון דעם „פאָרווערטס" — דאָס זאָל זיין די „הפקר־פּרעסע", און זיי, די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין די אַלע זעלבע יאָרן פאַרשפּיגן אַלע אמתן, פאַרלייקנט אַלע ווירקלעכקייטן, פאַרלוימדעט אַלע גערעכטע, געפּאַטשט בראַוואָ אויף אַלע סטאַלינ'ס פאַרברעכנס, געטאַנצט אויף די קברים פון אַלע זיינע אומשולדיקסטע קרבנות — זיי זייַנען די סאָלידע, די ערלעכע, די ראַיעלע, די פאַרלעסלעכע, די פאָלקס־געטרייע, יידישע פּרעסע.

אויף המנ'ס צד קען עס אפשר אַזוי גילטן, אָבער ניט אויף מרדכי'ס...

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס וואָרט „קלאָגמוטערס". דאָס מיינט מען אונדז. זיי, די יידישע קאָמוניסטן, קלאָגן ניט, זיי איז שטענדיק פריילעך.

נו, קומען מיר צו נאָך אַ טריק, נאָך אַ גלעקל אויפן נאַרן־מיצל וואָס אונדזערע קאָמוניסטן טראָגן אויפן קאָפּ און מיינען נעבעך אַז ס'איז אַ קרוינדל.

„מענטשן וואָס זוכן ניט צו מאַכן קיין זייטיקע חשבונות — שרייבט די „מאָרגן־פרייהייט" (דאָרט) וועלן אָפּשאַצן דאָס אַרויס־

געבן די ווערק פון העכער אַכציק (80) יידישע שרייבערס אין רוסיש און אַנדערע שפּראַכן, אין אַרום צוועלף מיליאָן עקזעמפּלאַרן, ווי אַ זאַך פון גוואַלטיקער באַדייטונג פאַר דער יידישער קולטור!״

דאָ שטייען מיר באמת פאַר אַ ניט־דערגרונטבאַרער רעטעניש:

יידישע שרייבערס קריגן זייערע ווערק אַרויסגעגעבן אין די מיליאָ־נען עקזעמפּלאַרן אין אַלערליי סאָוועטישע שפּראַכן, פון רוסיש ביז טשוּואַשיש, נאָר ניט אין זייער אייגענער שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן די ווערק געשריבן, יידיש. וואָס איז עס: אַ קאָמעדיע, צי אַ טראַגעדיע? דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער איז דאָ געגליכן צו פּרצ׳עס מאַנישן, וואָס נישט־גוטע פאַרשלעפּן אים אין פאַרכישופטע פּאַלאַצן, וואו לילית און אירע לילית־לעך רייצן אים מיט זייערע פאַר־שייטקייטן, בשעת זיין צניעותדיקע כלה ווערט פאַרפייניקט אין אַ פינצטערן קעלער.

די „מאָרגן־פרייהייט״ געפינט נאָך אַ גליק אין די „צוועלף מיליאָן״ סאָוועטיש־יידישע ביכער אין אַנדערע שפּראַכן: זיי וועלן פאַרשפּרייטן אהבת ישראל. „דאָס איז אויך אַן ענין פון גרויס באַדייטונג — שרייבט זי — אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם... דידאַזיקע באמת קאַלאָסאַלע דערשיינונג, דאָס איבערזעצן די יידישע ליטעראַטור אויף אַן אומגעהערטן מאַסשטאַב ... צעקלאַפּט די אַנטיסעמיטיזם־בלבולים אויף דער סאָוועטישער מלוכה״...

דאָ ווילט זיך שמייכלען, כאָטש זייער אַ טרויעריקן שמייכל.

ס׳איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי אַ ליטעראַטור בכלל איז אַן אינסטרומענט צו וועקן ליבשאַפט אָדער סימפּאַטיע צו אַ פאָלק, ווערליק מיר ווייסן אַז ליטעראַטור גריבלט זיך שטענדיק אין פעלערן, זינד, נאַרישקייט, געפאַלנקייט, און פאַרברעכן. ווער שמועסט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור: זאָל שוין אונדז גאָט אויסהיטן פון אַזאַ „ליבשאַפט״.

אפשר ווילט איר אַ מוסטער? אָט איז אַ ליד, וואָס איך גיב דאָ ניט איבער אין קורצע שורות, כדי צו שפּאָרן פּלאַץ:

„איך האָב געקענט אַ ייד אַן אַלטן / האָט ער שטאַרק געגלייבט אין גאָט. / דעם של־ראש האָט ער צעשפּאָלטן / און צעשפּאָלטן דעם של יד. / לאַכט ניט, לאַכט ניט פון דעם אַלטן, / ער איז ניט געווען קיין יאָלד! / אין די תפילין האָט ער באַהאַלטן / זיבעציק מטבעות גאָלד״ (א. סערעבער).

און אָט איז נאָך אַ „פּערל״ פון אַ ליד, וועגן שבת. „שבת איז דער טאָג / ווען גניבהס, געווין און פאַרדראָסן / ווערן מיט שלווה

פאַרוועבט. / הוי, הוי, אַ ייד איז ניט קיין גוי, / היילִיק איז ער, האַנדלען מוז ער, ווייל ער איז אַ ייד" (איזי כאַריק).

אפשר זיינען דאָס גראָד די ווערק וואָס כרושטשעוו לאָזט דרוקן אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן אין אַלערליי סאָוועטישע שפּראַכן, חברטע „מאָרגן־פרייהייט" ? דאָס פּאַסט גראָד צום רומל אין דעם געיעג אויף יידישע ספּעקולאַנטן...

איין קלאַס ווערק איז דאָ ביי די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס וואָס מיר זיינען זיכער אַז כרושטשעוו נעמט זיי ניט אַריין אין דער „מאָרגן־פרייהייט'ס" „קאַלאָסאַלער דערשייבונג". דאָס זיינען זייערע געזאַנגען און מעשות וועגן דעם „געניאַלן סטאַלין, פאָטער פון די פעלקער". איך ווייס ניט צי וועלכער עס איז אַנדער קלאַס סאָוועטישע דיכטערס האָט סטאַלינ'ען אַזוי איינבאַלזאַמירט אין פּאָעטישע בשמים ווי די יידישע. וואָס וועט זיין, וואָס זאָל זיין מיט דיזאָזיקע לידער? זאָלן מיר זיי אויפהיטן, איבערדרוקן? לאָזן זיי שטיין אין מיטן פון אונדזער ליטעראַטור ווי אַ מאָנומענט פון טראַגישן פּאָעטישן אומזין, אַן אומ'כבוד פאַר די דיכטערס, אָדער זיי דן זיין צו גניזה?

מיר ווייסן וואָס צו טאָן מיט די שרייבערס, ס'איז ניט אַזוי קלאָר וואָס צו טאָן מיט זייערע ווערק. די שרייבערס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן ווי יידן, זיינען זיי יידישע מאַרטירער און זיי זיינען באַרעכטיקט צו קבר ישראל. און מיר פאָדערן זייערע קערפּערס, מיר פאַרלאַנגען זייער אַש. אָבער אויף זייערע ווערק וועט נאָך דאַרפן זיין אַ גרויסער משפּט. און ניט די „מאָרגן־פרייהייט" און ניט ב. צ. גאָלדבערג וועלן זיין די שופטים. פאַרברעכערס זיינען ניט קיין ריכטערס.

„אויסגלייכן די געשיכטע"

איך קען זיך ניט דערלויבן אַוועקצוגייִן פון דער טעמע „ב. צ. גאָלדבערג" אָן נאָך איין לעצטער באַטראַכטונג. די איצטיקע באַטראַכטונג איז געווידמעט לכבוד די פרומע לעזערס פון דער יידישער פרעסע.

נאָר כדי פאַרשטענדיקער צו מאַכן דעם ענין לאָמיר קודם, אײנאײנעם עפענען דעם חומש און אָפלערנען אַ פרשה חומש מיט רש"י. איך מיש אויף די פרשה וועגן עמלק. מיר לערנען דאָ, אַז ווען די יידן, נאָך אַ לאַנגער שקלאַפעריי, זיינען אַרויס פון מצרים און זיינען מיט גרויסע עינויים אַריבער דעם ים און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף זייער שווערן וועג אין מדבר, זיינען זיי, מידע און שוואַכע, פלוצלינג באַפאַלן געוואָרן פון אַ וואַנדערנדיקן מדבר־פאָלק, די עמלקים. ס'איז ניט געווען קיין שום סיבה פאַר זייער אָנפאַל. ס'איז ניט געווען און ס'האָט ניט געקענט זיין קיין מלחמה וועגן טעריטאָריע, צוליב וואָס מלחמות ווערן דאָס רוב געפירט: ניט איין צד, ניט דער אַנדערער צד האָט געהאַט טעריטאָריע. דער פאַרשאָלטענער עמלק איז באַפאַלן נאָר פון ריינער תאווה צו מלחמה. און געשלאָגן האָט ער נאָר די הינטערשטע, די מידע און אָפגעשוואַכטע. ס'איז געווען אַן אַקט קעגן אַלע רעגלען פון מלחמה, פון מענטשן גאָר אָן גאָט אין האַרצן, ווי אין פסוק שטייט: „ולא ירא אלקים", ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר גאָט. עמלק איז געווען די פאַרקערפערונג פון לויטער שלעכטס. ער איז געווען דאָס בייז אַליין, די רשעות אָן אַ פאַרוואָס, די רשעות צוליב רשעות. אַזוי ווי היטלער ימ"ש אין אונדזער צייט. אַזוי ווי דער שטן אין דער פאָרשטעלונג פון מענטשן אין אַלע צייטן. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויפגעהייבן זיין האַנט אויף יידן זיי צו פאַרטיליקן, חס ושלום, גלייך ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער וועלט־בינע: צו פאַרטיליקן זיי אַלס פאָלק נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן אַ פאָלק.

און משה האָט געענטפערט עמלקן מיט מלחמה פאַר מלחמה. סוף סדרה בשלח ווערט באַשריבן אין וואונדערלעכע שורות ווי אַזוי

משה איז געשטאַנען אויפן באַרג און אַז ער האָט געהאַלטן אויפגעהייבן די הענט, דעמאָלט האָבן געזיגט די יידן, און אַז ער פלעגט פון מידקייט אַראָפּלאָזן די הענט, פלעגט זיגן עמלק. לסוף האָבן יידן מנצח געווען. נאָר קעגן אַזאַ טייוולישן שונא איז דער נצחון אויפן שלאַכטפעלד אַליין ניט גענוג געווען. יידן זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן צו געדענקען אויף אייביק, אַז עמלק׳ס זכר זאָל אָפּגעמעקט ווערן פון אונטערן הימל. ווייל כל זמן ס׳איז דאָ אַ זכר פון עמלקן, פון עמלקשען פּרינציפּ, אין דער וועלט, איז גאָטס שטול ניט גאַנץ. די מלחמה פון גאָט מיט עמלקן איז אַן אייביקע, פון דור צו דור.

אַזוי שטייט אין דער תורה צוויי מאָל און אַזוי ווערט געלערנט אין אַלע ספרים וואָס נאָך דער תורה און אויף תורה.

פאַרמאַכן מיר אַצינד דעם חומש און נעמען אַ בלאַטצייטונג אין האַנט. ס׳איז דער „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" פון אָקטאָבער 23, 1962. דאָרט האָט אונדזער ב. צ. גאָלדבערג זיין געוויינלעכן קאָלום וואָס רעדט דאָס מאָל וועגן „אויסגלייכן די היסטאָריע". ער שרייבט וועגן דעם וואָס היסטאָריע איז ניט קיין פעסטע, וויסנשאַפטלעך־איינגעשטעלטע זאַך, נאָר אַ צווייג וואָס לאָזט זיך אויסטייטשן און אַרייַנטייטשן ווי מען וויל. דער פאַקט איז, אַז געשיכטע ווערט כסדר איבערגעשריבן.

דאָס איז אַן אַלט־באַקאַנטע זאַך און ווייניקע וועלן קריגן דערויף. איך אַליין האָב אַמאָל געשריבן, אַז עס איז אין אמתן ניטאָ קיין היסטאָריע; ס׳זיינען נאָר דאָ היסטאָריקער.

אַוועקגעשטעלט די טעאָריע, איז ב. צ. גאָלדבערג אַריבער צו ברענגען באַווייזן פון דער פּראַקטיק. און פאַר׳ן מקור פון זיינע ראיות האָט ער, מעשה שטן, אויסגעקליבן דווקא דעם אייביקן, פעלזיק־פעסטן, געטלעך אמתן ספר, דעם תנ״ך.

„אונדזער תנ״ך — שרייבט ער — איז די ערשטע געשריבענע געשיכטע"...

זייער פיין. נאָר באַלד טראָגט ער אַרויס אַן אומגינסטיקן פּסק, זאָגנדיק: „אַז אויך אין אָט דער געשיכטע געפינען מיר איינזייטיקייט".

דער אוניווערסאַלער ספר פון דער מענטשהייט, דער ספר וואָס נעמט אַרום אַלע וועלטן, איז פאַר אים „איינזייטיק".

„למשל — שרייבט ער — די געשיכטע מיט עמלקן, וואָס האָט עמלק — לויטן ביבלישן טעקסט — אַזוי געטאָן צו די קינדער פון ישראל? ער האָט זיי ניט דורכגעלאָזט דורך זיין לאַנד, בעת זיי האָבן נאָר געוואָלט, וואָס מען וואָלט היינט גערופן, אַ טראַנסיט־וויזע —

זיי וואָלטן קיין לאַנד ניט פאַרנומען. פאַרקערט, עמלק וואָלט גאָר געקענט פאַרדינען געלט פון אָט־די דורכפאָרער. ווייסן מיר דעם יידישן צד. עס וואָלט זיך אָבער געוואָלט וויסן וואָס עמלק האָט דערויף געהאַט צו זאָגן; וואָס איז געווען זיין מאָטיוו פאַרן ניט דורכלאָזן די קינדער פון ישראל. אפשר האָט ער געהאַט באַרעכטיקטע — פון זיין שטאַנדפּונקט — מאָטיוון פאַר דעם? אין ביבלישן טעקסט האָבן מיר דאָס אָבער ניט. אַפּנים אַז די זאַך איז געווען קשה שוין די פאַרצייטיקע יידן, און זיי האָבן געשאַפן לעגענדעס וועגן דעם. וויל איך דאָ ניט זיין קיין אַדוואָקאַט פאַר עמלקן, אָבער עס וואָלט זיך וועלן האָבן אין חומש אויך די טענה פון עמלקן"...

וואָס קען מען זאָגן אויף דער דאָזיקער טשיקאַווער טענה?

גיי איך אַרויס אין גאַס און נעם צונויף די ישיבה־יינגלעך, אָט יענע יאַטלעך אין די קעפּקעלעך, וואָס שוויבלען־אַרום אַרום דער רעדאַקציע, וואו עס זיצט און שאַפט אונדזער גדול הדור, גאָלדבערג, און איך לייען פאַר זיי די מעשה מיט עמלקן נוסח ב. צ. גאָלדבערג, און זיי, די קליינע חדר־יינגלעך, פּלאַצן אויס אין אַ גרויס געלעכטער: וואו האָט ער געזען אין חומש אַזאַ מעשה וועגן עמלקן, אַ מעשה מיט אַ טראַנסיט־וויזע? וואו האָט עמלק דאָרט אין מדבר געהאַט לאַנד דורכצוגיין אָדער דורכצולאָזן? אין זייערע חומשימלעך שטייט ניט אַזוי.

און פאַקטן? אַ קלייניקייט פאַקטן! אַפילו ב. צ. גאָלדבערג האָט דרך־ארץ פאַר פאַקטן. „אוודאי זיינען דאָ היסטאָרישע פאַקטן — שרייבט ער דאָרט — וועלכע קיין ערלעכער היסטאָריקער וועט ניט אָפּלייקענען" — נאָר וואָס הערט זיך עפּעס מיט ב. צ. גאָלדבערג'ס אייגענע „פאַקטן" פון סאָוועט־רוסלאַנד, פון בירא־בידזשאַן?

אָבער דער ענין פון פאַקטן איז דאָ נאָך ניט אַלץ. עס גייט אויך אין פּשוטער לעסטערונג. ווי נעמט זיך אַ מענטש די דרייסטקייט אָנצוקלאָגן די תורה אין „איינזייטיקייט" לגבי דעם רשע פון רשעים, דעם יידישן סימבאָל פון רשעות, פאַר וועלכן ס'איז ניטאָ קיין אָרט אין דער מענטשלעכער וועלט, וויל ער האָט געהאַנדלט ערגער פון אַ חיה? וואָרים אַ חיה טויט ניט צוליב סתם טויטן, נאָר סיידן זי איז הונגעריק. עמלק איז געווען דער ערשטער אַמתער נאַצי אין דער געשיכטע. און דערפאַר האָבן די יידן די מצווה פון „מעקן זאָלסטו אויסמעקן דעם זכר פון עמלק".

פאַרטיק מיט עמלקן, האָט ב. צ. גאָלדבערג געפונען נאָך אַן „עלנטע נשמה" אין תנ"ך, וואָס די הייליקע שריפט האָט נעבעך

געקריוודעט, און ער, דער אַדוואָקאַט פון אַלע געקריוודעטע עמלקים, קומט מאָנען ביים תנ״ך גערעכטיקייט פאַר איר. דאָס איז ירבעם בן נבט, וועלכער האָט נאָך שלמה המלכ׳ס טויט געשפּאָלטן די יידישע מלוכה: ער האָט אָפּגעריסן צען שבטים פון מלכות יהודה און האָט געגרינדעט מלכות ישראל מיט שומרון אַלס הויפּטשטאָט. און כדי אָפּצוציען זיינע יידן פון ירושלים און דעם בית המקדש, האָט ער איינגעפירט געצנדינעריי און האָט אויפגעשטעלט גאָלדענע קעלבער פאַר אָפּגעטער, איינע אין בית אל און איינע אין דן.

דער שפּאַלטער פון דער יידישער מלוכה, דער ערשטער שפּאַלטער פון יידישן פאָלק און פאַרפירער צו געצנדינסט, איז ער אין גאַנצן תנ״ך געוואָרן דער סימבאָל פון זינדער און זינד. ביי די חכמים פון תלמוד איז ער אַ ״חוטא ומחטיא את הרבים״, אַליין אַ זינדער וואָס האָט נאָך געמאַכט אַנדערע צו זינדיקן, און אַזאַ איינעם קען אפילו קיין תשובה ניט העלפן.

קומט ב. צ., און נאָכדעם ווי ער ״גלייכט אויס״ עמלק׳ס פּראָצעס, נעמט ער דעם תנ״ך אויפן צימבל וועגן ירבעם בן נבטן, און ער גיט אַ שרייב:

״נאָך איינזייטיקער קומט אַרויס די געשיכטע פון דער שפּאַלטונג פון דער יידישער מדינה, נאָך שלמה המלכ׳ס טויט... מיר האָבן געהערט וואָס רחבמ׳ס (שלמה׳ס יורש) פּראָגראַם איז געווען, אָבער פון ירבעמס פּראָגראַם וויסן מיר נישט. אָנשטאָט דעם הערן מיר אַז ער האָט אויסגעגאָסן אַ גאָלדענעם קאַלב פאַר אַן אָפּגאָט, און דעריבער איז ער געשטעמפּלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן זינדער... איז פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט קענען מיר פאַרשטיין ירבעמ׳ס אָפּגאָט״ — און פאַרשטיין הייסט פאַרגעבן, ביי ב. צ., — אָבער ״אפילו פון אַ טעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט קען זיין זינדיקייט אויך ניט זיין אַזוי גוואַלדיק גרויס״, וואָרים שפּעטער איז דאָך אין מלכות יהודה אויך געווען געצנדינעריי, זאָגט ער, און ב. צ. האַלט הפנים, אַז צוויי אומרעכטן מאַכן אַ רעכט. און אַזוי געפינען מיר, אַז ב. צ. כשרט גאָר געצנדינעריי און וואַרפט אָפּ דעם שם רע וואָס דער תנ״ך האָט געמאַכט זיין קליענט, ירבעם בן נבטן. און ער פירט אויס:

״אַ היינטיקער היסטאָריקער קען ניט אינגאַנצן פאַרשווייגן דעם צווייטן צד, ער שרייבט פאַר אַן אַנדער סאָרט עולם, אין אַן אַנדער צייט, ווען וועלט געשעענישן ווערן צעטראָגן איבער דער וועלט...״ ווי, למשל, די סאָוועטישע היסטאָריקער, מר. ב. צ. גאָלדבערג, האַ? און בכלל האָט עס טויזנט חנען ווען ב. צ. גאָלדבערג קומט אַרויס

פאַר „ערלעכער״ היסטאָריע. ער, וואָס האָט אַליין פאַרליגנערט אַן עפּאָכע, פאַרלאַנגט ערלעכע היסטאָרישע פאַקטן און פּלאַץ פאַר די מיינונגען פון דעם „אַנדערן צד״. ווי אָפט האָט ער געפאָדערט פּלאַץ פאַר די מיינונגען פון דעם „אַנדערן צד״ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? אין פּוילן, אין אונגאַרן, אין קובאַ? פרייהייט פאַר טראָצקין, פאַר די ציוניסטן, פאַר די בונדיסטן, אונטערן סטאַלין רעזשים, און אונ־טער כרושטשעוון? אָבער פאָדערן פון משה רבינו מיינונגס־פרייהייט פאַר עמלקן — דאָס איז „פּראָגרעסיוו״, דאָס איז אין „היינטיקן גייסט״.

דער באַרימטער „סאַנזער רב״ זצ״ל, אין זיין ספר „דברי חיים״, זאָגט, אַז אויך אין גלות דאַרף מען מקיים זיין די מצווה פון „מחיית עמלק״, פון אויסמעקן עמלקן. דהיינו? זאָגט דער „דברי חיים״ אַז עמלק איז די פאַרקערפּערונג פון בייזוויליקייט און רשעות, וואָס געפינט זיך אין יעדן מענטשן. איז בשעת מען לייענט די פרשה פון עמלק, דריי מאָל אין יאָר, און ביי יעדער אַנדערער געלעגנהייט, דאַרף אַ ייד מבער זיין די רשעות פון זיך אַליין, און דערמיט איז ער מקיים דידאָזיקע מצווה.

דאָ דערמאָן איך זיך, אגב, אַז אַ שטיקל צייט פאַר זיין אויפטריט מיט זיין רוף צו „אויסגלייכן די היסטאָריע,״ האָט ב. צ. גאָלדבערג געהאַט אַ קאָלום וואו ער האָט געגעבן זיין הסכמה אויף דער באַוועג־גונג צו לערנען „אַ מצווה אַ טאָג״. דאָס איז דערשינען אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, אָקטאָבער 9, 1962. יאָ, ב. צ. גאָלדבערג הייסט לערנען אַ מצווה אַ טאָג, יעדן טאָג אַ מצווה.

איצט איז אַ שאלה: וואָס טוט ער מיט דער מצווה פון „אויסמעקן עמלקן״? איז ער זי מתיר אָדער ניט? זאָל מען אויסמעקן עמלקן אָדער אויסמעקן די מצווה?

וואָס שייך מיר, האָב איך געשריבן די איצטיקע אָפּהאַנדלונג נאָר כדי מקיים צו זיין איינע פון די מצוהס וואָס ב. צ. גאָלדבערג הייסט לערנען יעדן טאָג, די מצווה „ובערת הרע מקרבך״, זאָלסט אויסראָמען דאָס שלעכטס פון צווישן דיר...

הוספה

צו דעם קאַפּיטל אין ב. צ. גאָלדבערג׳ס קאַריערע, וואָס איז דאָ באַהאַנדלט געוואָרן, געהערט אַ דאָקומענט, וואָס איז געווען געדרוקט אין „טאָג״ אַזוי ווייט צוריק ווי דעם 1טן פעברואַר, 1941, און פון וועלכן מיר גיבן אַ פאָטאָסטאַטישן אָפּדרוק אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט. דער דאָקומענט איז אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס העלפט באַלייכטן אונדזער גאַנצן ענין, און ער לייענט זיך אַזוי:

קלאַגן קעגן ב. צ. גאָלדבערג ווערן באַשטעטיקט נאָך אונטערזוכונג

מיט אַ צייט צוריק איז אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אַ קלאַגע צום סטעף פון „טאָג״ קעגן ב. צ. גאָלדבערג. דער אָנקלעגער איז געווען דר. ש. מאַרגאָשעס, רעדאַקטאָר פון „טאָג״. די קלאַגע איז געווען אַ זייער ערנסטע, וואָס האָט שאָקירט די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

נאָך דעם ווי די מיטאַרבעטער פון „טאָג״ האָבן אויסגעהערט אַלע פּרטים פון דער קלאַגע, איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון פינף מיטגלידער צו אונטערזוכן די קלאַגע פון דר. מאַרגאָשעס. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, ש. ניגער, י. סלאָנים און מ. שטאַרקמאַן. אַלע דאָקומענטן, וועלכע דר. מאַרגאָשעס האָט געהאַט, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער קאָמיסיע, און די אונטערזוכונג האָט זיך אָנגעהויבן. ביי די זיצונגען פון דער קאָמיסיע זיינען אויסגעהערט געוואָרן פאַרשידענע עדות אין פאַרבינדונג מיט די קלאַגן, און אויך ב. צ. גאָלדבערג. ווען די קאָמיסיע איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר באַריכט איז ווידער פאַררופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון דעם שרייבער־סטעף פון „טאָג״ אויסצוהערן דעם באַריכט.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען לעצטן דאָנערשטאָג, דעם 30טן יאַנואַר, און אויסהערנדיק דעם באַריכט האָט די פאַרזאַמלונג אָנגענומען די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון שרייבער־סטעף פון „טאָג״, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דעם י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, דאָנערשטאָג דעם 30טן יאַנואַר, האָט אויסגעהערט דעם באַריכט פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון אַ פריערדיגער פאַרזאַמלונג און וועלכע איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדע „טאָג״־מיטאַרבעטער: י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, ש. ניגער, י. סלאָנים און מ. שטאַרקמאַן. די קאָמיסיע האָט געהאַט דעם אויפטראַג

The Day
דער טאָג
"THE NATIONAL JEWISH DAILY"
Entered as Second Class Matter at Post Office, New York, N. Y.
NEW YORK SATURDAY, FEBRUARY 1, 1941 שבת, 1טער פעברואר, 1941 יום ו', ד' שבט, תש"א. 12

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY FEB 1 1941 ASTOR LENOX AND TILDEN FOUNDATION

...נר קאָנסול ראַטעוועט 1200 רומעניש
...יאָרנט וועגן נאַצי אינוואַזיע-פּל...

דייטשע האַרמאַטען שיסן אויף ענגלאַנד

קלאָגען קעגען ב. צ. גאָלדבערג ווערען באַשטעטיגט נאָך אונטערזוכונג

קלאָגען קעגען ב. צ. גאָלדבערג ווערען באַשטעטיגט נאָך אונטערזוכונג

צו אונטערזוכן די באַשולדיגונג פון דר. ש. מאַרגאָשעס, רעדאַקטאָר, קעגן ב. צ. גאָלדבערגן.

„די פאַרזאַמלונג שטעלט פעסט, אַז לויט דעם באַריכט פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע זיינען פולשטענדיק באַשטעטיקט געוואָרן די פאָלגענדע פונקטן פון דער באַשולדיקונג :

1) אין יאָר 1934 האָט ב. צ. גאָלדבערג, דעמאָלדיקער פאַרוואַלטונגס־רעדאַק־טאָר פון „טאָג“, איבערגעגעבן מלך עפּשטיין, וועלכער איז דעמאָלט געווען באַקאַנט אַלס קאָמוניסטישער פירער און מיטאַרבעטער פון „פרייהייט“, אַ קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטע פון „טאָג“ פאַר שכנא עפּשטיין אונטערן נאָמען ס. סטאון. ב. צ. גאָלדבערג האָט עס געטאָן אין געהיים און האָט עס געהאַלטן אַ סוד ביז איצט. ער האָט געמאַכט שכנא עפּשטיין פאַר אַ פאָרשטייער פון „טאָג“, ווייסנדיק, אַז שכנא עפּשטיין איז דעמאָלט אַרומגעפאָרן איבער איראָפּא ווי אַ פאָרשטייער פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

2) פון אויגוסט, 1935, ביז מאַי, 1936, האָט ב. צ. גאָלדבערג, דעמאָלטדיקער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „טאָג“, געלאָזט דרוקן אין „טאָג“ אַ סעריע אַרטיקלען וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, גע׳חתמ׳עט פון א. שמילדנער, און זיי פאָרגעשטעלט פאַר די לעזער ווי אַרטיקלען פון אַן אומפּאַרטייאישן זשורנאַליסט, וואָס געפינט זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד, כאָטש גאָלדבערג האָט געוואוסט, אַז די אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן פון דעם זעלבן שכנא עפּשטיין, וועלכער איז אין יענער צייט אַרומגעפאָרן איבער איראָפּא און האָט באַזוכט אַמעריקע אין דער ראָלע פון אַ פאָרשטייער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

3) דעם 16טן יוני, 1937, האָט ב. צ. גאָלדבערג אָפּגעגעבן כמעט זיין גאַנצן קאָלום צו אַ בריוו פון אַן „אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט“, אין וועלכן עס זיינען באַרעכטיקט געוואָרן די מאָסקווער פּראָצעסן בכלל און די פאַראורטיילונג פון גענעראַל סוכאַטשעווסקי בפרט.

„מלך עפּשטיין, געוועזענער קאָמוניסטישער פירער, האָט עדות געזאָגט, אַז שכנא עפּשטיין, זייענדיק אין ניו יאָרק, האָט אים אַליין דערציילט, אַז ער שיקט אַזאַ בריוו צו גאָלדבערגן, און באַלד דערנאָך איז דער בריוו געווען געדרוקט אין גאָלדבערגס קאָלום“.

דיזאָזיגע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם גאַנצן סטעף מיט קיין איינציקער שטימע קעגן דער רעזאָלוציע.

אָנוועזנד זיינען געווען : י. אָפּאַטאָשו, ל. באָראָדולין, ב. י. גאָלדשטיין, א. גלאַנץ, מ. דאַנציס, ס. דינגאָל, י. חייקין, ח. יאַפע, ה. לייוויק, ג. ב. לינדער, דר. ש. מאַרגאָשעס, ה. מאָרגענשטערן, ש. ניגער, י. סלאָנים, וו. עדלין, צ. ה. רובינשטיין, ז. שוסטער און מ. שטאַרקמאַן.

שכנא עפּשטיין, ווי ס׳איז היינט באַוואוסט, איז געווען אַ שפּיאָן פאַר דער „ענקעוועדע“. אויף איינער פון זיינע מיסיעס אין אַמעריקע האָט ער געהאָלפן ליקווידירן זיין אייגענע געליבטע, מיס יוליאַ פּאָינטץ, אַ פּאָפּולערע קאָמוניסטישע יוניאָן־פירערין, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען אין איר קאָמוניזם : ער האָט זי פאַרנאַרט אויף

אַ סאָוועטשער שיף אין ניו־יאָרקער האַפן און דאָ איז פאַרלאָרן געגאַנגען יעדער שפור פון איר.

נאָך אַזאַ משפט און אַזאַ פסק, און נאָך דעם רעקאָרד וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער איצטיקער שריפט — אַ מעשר מן המעשר! — האָט ב. צ. גאָלדבערג פאַרלאָרן אַלע זכיות אויף אינטע־לעקטועלן רעספעקט און אויף דער מינדסטער באַגלויבטקייט אין זיינע רייד און זיינע מעשים. ער האָט פאַרזינדיקט דעם זכות צו זיין אַ שרייבער ביי יידן.